STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08799

AZOY HOT GEREDT TSARATHUSTRA

Friedrich Wilhelm Nietzsche

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אזוי האט גערעדט צאראטהוסטרא.

Also sprach Zarathustra.

אַ בוך פֿאַר אַלע און קיינעם

פֿון

פריעדריך ניעטצשע

איבערזעצט פֿון

ר. ראקער.

אַרויסגעגעבען פֿון מ. שפיעלמאַן.

לאָנדאָן, 1910.

געדרוקט ביי י. נאַראָדיצקי, 48 מייל ענד רויד, א.

אַזוֹי הָאט גֶערֶעדט צַארַאטהוּסטְרַא.

אינהאלט.

ערשטער טהייל.

די ענטשטעהונג פֿון „אַלזאָ שפּראַך צאַראַטהוסטראַ,“ פֿון עליזאַבעטה פֿערסטער ניעטצשע ... ... I—X

צאַראַטהוסטראַ׳ס פֿאָררעדע

פֿון׳ם איבערמענשען און פֿון דעם לעצטען מענשען 3

צאַראַטהוסטראַ׳ס רעדען.

מכח די דריי פֿערוואַנדלונגען 25

מכח די טוגענד-קאַטהעדראַ׳ס 28

מכח די הינטער-וועלטיגע 32

מכח די, וואָס פֿעראַכטען דעם גוף 37

מכח דער פֿרעהליכקייט און די לייִדענשאַפֿטען 40

מכח דעם בלייכען פֿערברעכער 43

מכח לעזען און שרייבען 47

מכח דעם בוים אויף׳ן באַרג 50

מכח די פּרעדיגער פֿון׳ם טויט 54

מכח קריעג און קריעגס-פֿאָלק 57

מכח דעם נייעם געץ 60

מכח די פֿליעגען פֿון׳ם מאַרק 64

מכח דער צניעות 68

מכח דעם פֿריינד 70

מכח טויזענד און איין ציעל 73

מכח דער ליעבע צום נעכסטען 77

מכח דעם וועג פֿון׳ם שאַפֿענדען 80

מכח אַלטע און יונגע ווייבלאַך 84

מכח דעם ביס פֿון דער שלאַנג 87

מכח דעם קינד און דער הייראַטה 90

מכח דעם פֿרייען טויט 93

מכח דער שיינקענדער טוגענד 97

אזוי האט גערעדט צאראטהוסטרא.

ערשטער טהייל.

די ענטשטעהונג פון „אלזא שפראך צאראטהוסטרא".

דער „צאראטהוסטרא" איז דאס פערזענליכסטע ווערק, וועלכעס מיין ברודער האט געשריבען, ס'איז די געשיכטע פון זיינע אינערליכסטע ערפאהרונגען, זיינע פריינדשאפטען, זיינע אידעאלען, זיין ענטציקונג, די געשיכטע פון זיינע ביטערסטע ענטוישונגען און ליידען, און איבער אלעס הויבט זיך אויף דאס ליכטיגע בילד פון זיין גרעסטער האפנונג, זיין ווייטסטען ציעל. די געשטאלט פון צאראטהוסטרא האט זיך ביי מיין ברודער שוין ענטוויקעלט, ווען ער איז נאך געווען זעהר יונג; ער האט מיר אמאל געשריבען, אז נאך זייענדיג א קינד, איז זי איהם שוין ערשיענען אין חלום. ער האט אנגערופען דיזע טרוים-געשטאלט אין פערשיעדענע צייטען מיט פערשיעדענע נעמען, אבער „צולעצט — אזוי האט ער געשריבען — האב איך א פערסער געמוזט אנטהון די עהרע. די פערסער זיינען געווען די ערשטע, וואס האבען געזעהן אין דער געשיכטע א צוזאמענהאנג, עפעס גאנצעס, א רייהע פון ענטוויקלונגען. יעדע ענטוויקלונגס-פעריאדע האט איהר נביא, יעדער נביא האט זיך האצאר, זיין רייך פון טויזענד יאהר".

די אידעען, וועלכע האבען אין דיזען ווערק געפונען אן אויסדרוק, האבען זיך ביי מיין ברודער שוין זעהר פריה ענטוויקעלט אין פערשיעדענע פערקליידונגען, אבער די גאנצע געשטאלט פון צאראטהוסטרא האט ערשט אין'ם ווינטער 1882/83 בעקומען ביי איהם א בעשטימטע פערקערפערונג. ער האט געהאט ביטערע ענטוישונגען

II.

אין דער פֿריינדשאַפֿט, וועלכע איז ביי איהם געווען אַזוי הייליג, און צום ערשטען מאָל האָט ער דערפֿיהלט דעם גאַנצען מורא׳דיגען איינדרוק פֿון דער איינזאַמקייט, צו וועלכער, ווי עס ווייזט אויס, יעדע גרויסקייט איז פֿער׳משפט געוואָרען. דער פֿאָלקאָמענער פֿריינד, וועלכער האָט איהם ריכטיג פֿערשטאַנען און וועלכען ער האָט גע־קענט אָנגעטרויען אַלצדינג, נאָך איהם האָט ער געביינקט פֿון זיין פֿריהסטער יוגענד אָן, און אין פֿערשיעדענע פעריאָדען פֿון זיין לעבען האָט ער איהם אויך געפֿונען. איצט אָבער, ווען זיין וועג איז געוואָרען אַלץ געפֿעהרליכער און העכער, האָט ער מעהר קיינעם ניט געפֿונען, וואָס זאָל קענען געהן מיט איהם צוזאַמען; אָט דעריבער האָט ער זיך אַליין געשאַפֿען די אידעאַלע געשטאַלט פֿון דעם קעניגליכען פֿילאָזאָף, דעם פֿאָלקאָמענעם פֿריינד און איהם געלאָזט פריידיגען זיינע העכסטע און הייליגסטע ציעלען.

וועגען דעם ערשטען אויפֿבליצען פֿון איינעם פֿון די הויפּט־געדאַנקען, וועלכע צאַראַטהוסטראַ פריידיגט, האָט מיין ברודער אין הערבסט 1888 אין זיינע אויטאָביאָגראַפֿישע סקיצען „Ecce homo" אַזוי געשריבען: „דער גרונד־עלעמענט פֿון דעם ווערק, דער געדאַנק פֿון דעם „אייביגען ווידער־קומען", דיזע העכסטע פֿאָרמעל פֿון דער בעשטעטיגונג פֿון׳ם לעבען, וועלכע קען איבערהויפּט דערגרייכט ווערן, איז ענטשטאַנען אין מאָנאַט אויגוסט 1881; איך האָב איהם פֿער־שריעבען אויף אַ שטיק פּאַפּיער מיט דער אונטערשריפֿט: 6000 פֿוס אויף יענער זייט פֿון מענש און צייט! איך בין דאַמאָלסט געגאַנגען ביי די ברעגעס פֿון׳ם טייך פֿון סילוואַפּלאַנאַ צווישען די וועלדער; ניט ווייט פֿון סורלעי, נעבען אַ מעכטיגען פֿעלזען־שטיין, וועלכער האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון דער ערד אַזוי ווי אַ פּיראַמידע, האָב איך זיך אָבגעשטעלט. דאָרטען איז מיר געקומען דער געדאַנק."

פֿון דאַמאָלסט אָן האָבען זיך דיזע אידעען אַלץ שטאַרקער ענט-וויקעלט ביי איהם, ווי מיר קענען עס זעהן אין די קורצע בעמער־קונגען, וועלכע ער האָט אויפֿגעשריבען אין יענער צייט, און אין דעם אַפֿאָריזמוס 341 פֿון דער „פֿרייליכער וויסענשאַפֿט" געפֿינען מיר דעם גרונד־געדאַנק פֿון׳ם „צאַראַטהוסטראַ" אַלס אַן ערשטע אָנדייטונג.

III.

איבער די ענטשטעהונג פֿון׳ם ערשטען טהייל האָט מיין ברודער אַזוי געשריעבען: „דעם ווינטער פֿון 1882/83 האָב איך פֿערבראַכט ניט וויט פֿון גענואַ, אין דעם שטילען און פֿריינדליכען טהאָל פֿון ראַפּאַלאָ, וועלכעס שניידט זיך אַריין צווישען קיאַוואַרי און די בערג פֿון פּאָרטאָפֿינאָ. מיין געזונדהייט איז געווען ניט אַם בעסטען; דער ווינטער איז געווען קאַלט און עס האָט געהאַלטען אין איין רעגנען. כ׳האָב געוואוינט אין אַ קליינעם גאַסט־הויז דירעקט נעבען ים און דער גערויש פֿון די שטורמדיגע כוואַליעס אין דער נאַכט האָט פֿערהינדערט יעדען שלאָף. מיין גאַנצער צושטאַנד איז אַלזאָ געווען אַלעס אַנדערע, נאָר ניט דאָס, וואָס מען וואָלט זיך אייגענטליך געראַפֿט ווינשען. און דאָך איז פּונקט אין יענעם ווינטער און אונטער אַזעלכע אונגינסטיגע פֿערהעלטניסע מיין צאַראַטהוסטראַ געבוירען געוואָרען, כמעט אַלס אַ בעוויז פֿון מיין בעהויפּטונג, אַז יעדע ענטשיידענדע טהאַט ענטשטעהט „צום טראָץ“ פֿון אַלע הינדערנישען. יעדען פֿאַרמיטאָג פֿלעג איך געהן איבער דעם הערליכען וועג אין דער ריכטונג קיין דזאָאַלי, צווישען די פּינעיען־בוימער, און מיין בליק איז געפֿאַלען וויט איבער׳ן ים; נאָכמיטאָגס, ווען מיין געזונדהייט האָט עס מיר ערלויבט, פֿלעג איך אַרומגעהן דעם גאַנצען ברעג ים פֿון סאַנטאַ מאַרגעריטאַ ביז הינטער פּאָרטאָ פֿינאָ. דיזער אָרט און דיזע לאַנדשאַפֿט זיינען מיר נאָך טהייערער געוואָרען דורך די גרויסע ליעבע, וועלכע פֿרידריך דער דריטער האָט געפֿיהלט פֿאַר זיי; צופֿעליגערווייזע בין איך אין הערבסט 1886 ווידער געווען אין דעם זעלבען געגענד, ווען ער האָט צום לעצטען מאָל בעזוכט דיזע קליינע און פֿערגעסענע וועלט פֿון גליק. אָט אויף דיזעביידע וועגען האָט זיך ענטוויקעלט אין מיינע געדאַנקען די גאַנצע צאַראַטהוסטראַ־אידעע און צאַראַטהוסטראַ גופא, אַלס אַ טיפּ; אָדער בעסער געזאָגט, דאָרטען איז ער אָנגעפֿאַלען אויף מיר...“

„ס׳איז געווען מיין שווערסטער און קראַנקסטער ווינטער, מיט דער אויסנאַהמע פֿון צעהן טעג צייט, פּונקט גענוג פֿאַר מיר, אום עפּעס צו שאַפֿען, וואָס עס זאָל רעכטפֿערטיגען מיין גאַנצעס שווערעס און קראַנקעס דאָזיין“.... די שלוס־קאַפּיטלען פֿון׳ם ערשטען טהייל זיינען פּונקט פֿאַרטיג געוואָרען אין דער הייליגער שטונדע, ווען ריכאַרד וואַגנער איז געשטאָרבען אין ווענעדיג.“

דער ערשטער טהייל איז כמעט פֿון אַלעמען פֿאַלש פֿערשטאַנען געוואָרען. „פֿאַר פֿיעלע פֿון מיינע געדאַנקען האָב איך קיינעם ניט געפֿונען רייף; דער צאַראַטהוסטראַ איז אַ בעוויז, אַז אַ מענש קען רעדען מיט דער גרעסטער דייטליכקייט און קיינער זאָל איהם ניט הערען.״

מיין ברודער איז שטאַרק אַנטמוטהיגט געוואָרען, זעהענדיג, ווי פֿאַלש מען האָט איהם אויפֿגעפֿאַסט, און ווייל ער האָט זיך פּונקט אין דערזעלבער צייט אָבגעוועהנט מיט גרויסער ענערגיע צו בענוצען זיך מיט דעם שלאָף־מיטעל קלאָראַלהידראַט, דעריבער האָט דער פֿאָלגענדער פֿריהלינג (1883), וועלכען ער האָט פֿערבראַכט אין רוים, געהאַט פֿאַר איהם אַ געוויסען טריבען און טרויעריגען כאַראַקטער. אָט זיינען זיינע אייגענע ווערטער איבער דיזע פעריאָדע פֿון זיין לעבען: „דאַן האָט געפֿאָלגט אַ מעלאַנכאָלישער פֿריהלינג אין רוים, וואו איך האָב געלעבט — עס איז מיר אָנגעקומען ניט לייכט. אייגענטליך האָט עס מיך פֿערדראָסען צו פֿערברייגען אין רוים, דעם אונאַנשטענדיגסטען פּלאַץ פֿאַר'ן דיכטער פֿון'ם צאַראַטהוסטראַ, איך האָב איהם ניט פֿרייוויליג אויסגעקליבען און האָב פֿערזוכט מיט אַלע כחות זיך אָבצורייסען פֿון דאָרטען, — כ'האָב געוואָלט אַנטלויפֿען קיין אַקווילאַ, דעם געגען־בעגריף פֿון רוים, אַ שטאָדט, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען אויס פֿיינדשאַפֿט געגען רוים, אַזוי ווי איך וועל אַמאָל גרינדען מיין אַרט, אַלס אַן ערינערונג אין איינעם פֿון די גרעסטע אַטהעאיסטען און שונאים פֿון דער קירכע, דעם גרויסען קייזער פֿרידריך דער צווייטער. אָבער עס האָט זיך מיר קיין זאַך ניט איינגעגעבען: כ'האָב געמוזט געהן צוריק. ענדליך האָב איך זיך געשטעלט צופֿריעדען מיט אַ וואוינונג אויף דער פּיאַדזאַ באַרבעריני, נאָך דעם ווי איך בין שוין אין גאַנצען פֿערמאַרטערט געוואָרען, וועלענדיג אויסגעפֿינען פֿאַר מיר אַן אַנטי־קריסטליכע געגענד. כ'האָב שטאַרק מורא, אַז כדי צו אַנטלויפֿען פֿון דעם שלעכטען ריח, האָב איך זאָגאַר אַמאָל אָנגעפֿרעגט אין פּאַלאַדזאָ דעל קווירינאַלע גופא, אויב מען האָט ניט צו פֿערדינגען אַ שטיל צימער'ל פֿאַר אַ פֿילאָזאָף. אויף אַ באַלקאָן, הויך איבער דעם אויבען דערמאָהנטען פּלאַץ, פֿון וואו מען האָט געקענט איבערקוקען גאַנץ רוים און האָט פֿון אונטען דערהערט

V.

דעם גערויש פֿון די פֿאָנטאַנען, דאָרטען איז ענטשטאַנען דאָס איינזאַמסטע ליעד, וואָס איז ווען געדיכטעט געוואָרען: „דאָס נאַכט־ליעד.” אין מיינע אויערען האָט דאַן שטענדיג געקלונגען אַן אונבעשרייבליכע טרויעריגע מעלאָדיע, און עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, ווי אימיצער ווידערהאָלט שטענדיג די ווערטער: „טויט, צוליעב אונשטערבליכקייט!”.

אין יענעם פֿריהלינג זיינען מיר פֿערבליבען אַביסעל צו לאַנג אין רוים און אונטער דעם איינפֿלוס פֿון דעם שטיקענדען וועטער און די אויבען דערמאָהנטע ענטטוישונגען האָט מיין ברודער בעשלאָסען מעהר קיין זאַך ניט צו שרייבען, זיכער ניט קיין פֿאָרטזעצונג פֿון'ם צאַראַטהוסטראַ; אָבוואָהל איך האָב זיך איהם אַליין אָנגעבאָטען צו בעזאָרגען די גאַנצע אַרבייט וועגען דעם דרוק און פֿערלאַג פֿון זיין ווערק. אָבער ווען מיר זיינען ביידע צו ענדע יוני צוריקגעקומען נאָך דער שווייץ און ער האָט ווידער איינגעאָטהעמט די וואונדערבאַרע בערג־לופֿט, האָט זיך ווייטער ענטוויקעלט אין איהם זיין גאַנצע פֿרייליכע שאַפֿונגס־קראַפֿט, און אין אַ בריעף, אין וועלכען ער האָט געזאָגט, אַז איך וועל אין גיכען ערהאַלטען אַ מאַנוסקריפּט, האָט ער אַזוי געשריבען: „איך האָב דאָ גענומען אַ וואוינונג פֿאַר דריי מאָנאַט צייט. איך בין ווירקליך דער גרעסטער נאַר, ווען איך וועל דערלאָזען, אַז די איטאַליענישע לופֿט זאָל מיר אַוועקרויבען דעם מוטה. מאַנכעס מאָל ענטשטעהט ביי מיר אַ געדאַנק: און וואָס וועט זיין שפּעטער? מיין צוקונפֿט איז פֿאַר מיר די דונקעלסטע זאַך פֿון דער וועלט; אָבער ווייל איך האָב נאָך פֿיעלעס צו ענדיגען, וואָלט איינענטליך דאָס געדאַרפֿט זיין מיין צוקונפֿט און אַלע אַנדערע וואָלט איך געדאַרפֿט איבערלאָזען צו דיר און די געטער.”

דער צווייטער טהייל פֿון'ם צאַראַטהוסטראַ איז געשריבען געוואָרען אין דער צייט פֿון'ם 26־טען יוני ביז צום 6־טען יולי. „ווען איך בין אין זומער געקומען צוריק צו דעמזעלבען הייליגען אָרט, וואו מיינע אויגען האָבען דערזעהן דעם ערשטען בליק פֿון דער צאַראַטהוסטראַ־אידעע, האָב איך דאָרטען געפֿונען דעם צווייטען צאַראַטהוסטראַ. צעהן טעג זיינען געווען גענוג פֿאַר מיר; מעהר צייט האָט מיר אויך ניט גענומען דער ערשטער, דער דריטער און דער לעצטער טהייל.”

VI.

ער פֿלעגט עפּעס רעדען פֿון דעם ענטציקטען צושטאַנד, אין וועלכען ער האָט זיך געפֿונען, ווען ער האָט געשריבען דעם צאַראַטהוסטראַ, ווי די געדאַנקען זיינען ריכטיג אָנגעפֿאַלען אויף איהם, ווען ער האָט געוואַנדערט באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָב, ווי ער פֿלעגט זיך מאַכען קורצע נאָטיצען מיט אַ בליישטיפֿט אין אַ קליין ביכעל, און ווען ער איז אַהיים געקומען, איז ער געזעסען ביז טיעף אין דער נאַכט און האָט אַלעס אָנגעשריבען מיט טינט. „דו קענסט דיר ניט לייכט מאַכען אַ צו גרויסע פֿאָרשטעלונג איבער די אונבעשרייבליכע קראַפֿט פֿון אַזעלכע געדאַנקען־ענטוויקלונגען", אַזוי האָט ער מיר אַמאָל געשריבען און מיט אַ ליידענשאַפֿטליכער בעגייסטערונג בעשרייבט ער אין די „אויטאָביאָגראַפֿישע סקיצען" (הערבסט 1888) די אונפֿערגלייכבאַרע שטימונג, אין וועלכער דער צאַראַטהוסטראַ איז געשאַפֿען געוואָרען:

„—האָט אימיצער, צו ענדע פֿון'ם 19־טען יאָהרהונדערט, אַ קלאָהרע פֿאָרשטעלונג פֿון דאָס, וואָס די דיכטער פֿון גרויסע עפּאָכען האָבען אָנגערופֿען אינספּיראַציאָן? אויב ניט, וועל איך זוכען עס צו בעשרייבען. ווען מען וואָלט נאָך געהאַט אין זיך דעם קלענסטען רעסט פֿון אַבערגלויבען, וואָלט מען זיך טאַקע ניט געקענט בעפֿרייען פֿון דער פֿאָרשטעלונג, אַז מען איז ניט מעהר ווי אַ פֿערקערפּערונג, אַ שפּראַך־אָרגאַן, אַ מעדיאום פֿון איבער־מעכטיגע קרעפֿטען. דער בעגריף „אָפֿענבאַרונג" אין דעם זין, אַז פּלוצלונג מאַכט זיך עפּעס זעהבאַר און הערבאַר מיט אַן אונבעשרייבליכער זיכערהייט און פֿיינקייט, אַן עפּעס, וואָס נעהמט דורך די גאַנצע טיעפֿעניש פֿון דער נשמה, זעט דאָס איז אייגענטליך דער ריכטיגער אויסדרוק. מען הערט זיך צו, — מען זוכט ניט; מען נעהמט, — מען פֿרעגט ניט, ווער עס גיט; אַזוי ווי אַ בליץ ענטשטעהט פּלוצלונג אַ געדאַנק מיט אַן איינערנע נויטווענדיגקייט און אַ בעשטימטער פֿאָרם, — איך פּערזענליך האָב קיינמאָל ניט געהאַט קיין אויסוואַהל. אַן ענטציקונג, אַ געוואַלדיגע שפּאַנונג פֿון אַלע נערווען, וועלכע רופֿט מאַנכעס מאָל אַרויס אַ שטראָם טרעהרען, אַמאָל שטורמען די געדאַנקען פֿאָרווערטס, אַמאָל ענטוויקלען זיי זיך פּאַמעלאַך; מען איז פֿאָלקאָמען אויסער זיך און פֿיהלט ווי אַסך פֿיינע שוידערס נעהמען דורך דעם קערפּער ביז די

שפּיץ פינגער פּיס; אַן אָבגרונד פֿון גליק טהוט זיך אויף, אין וועלכען דאָס שמערצליכע און פֿינסטערע ווירקט ניט אַלס אַ קאָנטראַסט, נאָר עס איז אונפֿערמיידליך, אַקוראַט ווי אַ נויטווענדיגער קאָליר אין אַזאַ איבערפֿלוס פֿון ליכטיגקייט; ס'איז אַ מין אינסטינקט פֿון ריטהמישע פֿערהעלטניסע, וועלכע שפּאַנען אַריבער דעם וויטען רוים פֿון אַלע פֿאָרמען (דאָס בעדערפֿניש נאָך אַ וויט־געשפּאַנטען ריטהמוס איז כמעט די מאָס פֿאַר די מאַכט פֿון דער אינספּיראַציאָן, אַ מין אויסגלייכונג געגען איהר דרוק און שפּאַנונג). אַלצדינג ענטוויקעלט זיך דורך אַן אינערליכען צוואַנג און אין דערזעלבער צייט ווי אַ שטורם פֿון פֿרייהייטס־געפֿיהלען, פֿון אונפֿערמיידליכקייט, פֿון מאַכט און געטרייקייט. די אונפֿרייוויליגקייט פֿון בילד און וואָרט איז דאָס מערקווירדיגסטע; מען האָט צולעצט מעהר קיין בעגריף ניט וועגען דעם אונטערשיעד צווישען בילדער און ווערטער; אַלצדינג גיט זיך איין פֿון זיך אַליין אַלץ דער נאָהנסטער, ריכטיגסטער און איינפֿאַכסטער אויסדרוק. עס ווייזט זיך אונז ווירקליך אויס, אום צו דערמאָהנען צאַראַטהוסטראַס אַ וואָרט, אַז אַלצדינג קומט פֿון זיך אַליין און וויל זיין אַ משל —, אָט דאָ קומען אַלע ערשיינונגען צו דיין רייד מיט ליעבליכע בעוועגונגען, זיי שמייכלען דיר, ווייל זיי ווילען רייטען אויף דיין רוקען. אויף יעדען משל רייטסט דו דאָ צו יעדער וואַהרהייט. אָט דאָ עפֿענען זיך דיר אויף די בעהעלטניסען פֿון אַלע ווערטער און די ווערטער פֿון אַלעס זיין; אַלצדינג וויל זיך פֿערוואַנדלען אין אַ מאַכט און אַלעס ענטשטעהענדע וויל זיך אויסלערנען רעדען פֿון דיר. — דאָס איז מיין פּערזענליכע ערפֿאַהרונג פֿון אינספּיראַציעס, און איך צווייפֿעל ניט, אַז מען דאַרף זיך צוריקקעהרען יאָהרטויזענדער, איידער מען געפֿינט וועמען עס איז, וועלכער קען זאָגען: אָט דאָס איז אויך די מייניגע!—"

אין הערבסט 1883 איז מיין ברודער געקומען פֿון ענגאַדין, אום צו פֿערברייגנען עטליכע וואָכען אין דייטשלאַנד, און דעם פֿאָלגענדען ווינטער איז ער נאָך אַלערליי רייזען איבער סטרעסאַ, גענואַ, ספּעציאַ ענדליך אָנגעקומען אין ניצאַ. דער וואונדערבאַרער קלימאַט האָט אַזוי גוט געווירקט אויף איהם, אַז ער האָט דאָרט געשאַפֿען דעם דריטען טהייל פֿון'ם צאַראַטהוסטראַ. — „דעם פֿאָלגענדען ווינטער

אונטער דעם רוהיגען הימעל פֿון ניצאַ, וועלכער האָט דאַמאָלסט צום ערשטען מאָל אַראָבגעגלאַנצט אין מיין לעבען, האָב איך געפֿונען דעם דריטען צאַראַטהוסטראַ — ער איז געווען פֿאַרטיג, קוים אַ יאָהר צייט פֿאַר דאָס גאַנצע ווערק. פֿיעל בעהאַלטענע פלעצער און בערג־לאַך אין דער לאַנדשאַפֿט פֿון ניצאַ זיינען מיר הייליג געוואָרען דורך אונפֿערגעסליכע מאָמענטען; יענער ענטשיידענדער טהייל, וועלכער טראָגט אויף זיך דעם טיטעל „מכח אַלטע און נייע לוחות", איז געדיכטער געוואָרען, אַרויפֿשטייגענדיג דעם שווערען וועג פֿון דער סטאַציאָן ביז צו דעם וואונדערבאַרען אַראַבישען פֿעלזען־נעסט עצאַ —, די בעוועגליכקייט פֿון די מוסקעלן איז ביי מיר שטענדיג געוועזן אַם שטאַרקסטען, ווען מיין שאַפֿענדע קראַפֿט האָט זיך מאַניפֿעסטירט אַם רייכסטען. דער גוף איז בעגייסטערט: לאָמיר בעסער גאָר ניט רעדען פֿון דער „נשמה".— מען האָט מיר אָפֿטמאָל געקענט זעהן טאַנצענדיג; איך האָב דאַמאָלסט ניט געוואוסט, וואָס עס איז אַזוינס מידקייט, אַרומקריכענדיג זיעבען און אַכט שטונדען צווישען אויף די בערג. כ'האָב גוט געשלאָפֿען און פֿיעל געלאַכט — כ'בין געווען פֿאָלקאָמען קרעפֿטיג און געדולדיג."

יעדער פֿון די ערשטע דריי טהיילען פֿון'ם צאַראַטהוסטראַ, אַזוי ווי מיר האָבען שוין פֿריהער דערמאָהנט, איז ענטשטאַנען נאָך אַ־לענגערע אָדער קירצערע פֿאָרבערייטונג, אין אונגעפֿעהר צעהן טעג צייט. דער ערשטער טהייל אין אָנפֿאַנג פֿעברואַר 1883 אין ראַפּאַלאָ, דער צווייטער טהייל פֿון ענדע יוני ביז אָנפֿאַנג יולי 1883 אין סילס־מעריאַ, דער דריטער טהייל צו ענדע יאַנואַר 1884 אין ניצאַ.

נור דער פֿערטער טהייל איז אויסגעאַרבייט געוואָרען מיט עט־ליכע אונטערברעכונגען. די ערשטע נאָטיצען זיינען געשריבען גע־וואָרען וועהרענד אַ געמיינשאַפֿטליכען בעזוך אין ציריך אין סעפטעמ־בער 1884. די ערשטע אויסאַרבייטונג איז געמאַכט געוואָרען אין מאַנטאָן אין נאָוועמבער 1884 און נאָך אַ לייגגערער פּויזע האָט מיין ברודער דעם מאַנוסקריפּט געענדיגט אין ניצאַ אין דער צייט פֿון ענדע יאַנואַר ביז אָנפֿאַנג פֿעברואַר 1885. ער האָט דיזען טהייל דאַמאָלסט גערופֿען דעם פֿיערטען און דעם לעצטען טהייל, אָבער שוין אין מאַי 1885 האָט ער מיר געשריבען פֿון וועגעדיג אַז ער דיינקט

נאָך צו שרייבען אַ פֿינפֿטען און זעקסטען טהייל. פֿון׳ם פֿיערטען טהייל זיינען מעהר ניט געדרוקט געוואָרען ווי 40 עקזעמפּלאַרען אַלס מאַנוסקריפּט ענדע ווינטער 1885. דיזער טהייל איז בעשטימט געווען פֿאַר זיינע פֿריינד און פֿאַר „אַזעלכע, וואָס האָבען איהם פֿערדיענט.” בלויז זיעבען עקזעמפּלאַרען האָט ער דאַמאָלסט געקענט פֿערשיינקען, אַזוי ווייניג האָט מען איהם דאַן פֿערשטאַנען. דיזער פֿיערטער טהייל איז ערשט פֿערעפֿענטליכט געוואָרען אין 1892 — דריי יאָהר נאָך דעם קראַנק ווערען פֿון מיין ברודער און זיעבען יאָהר נאָך דעם ערשטען פּריוואַט־דרוק — נאָכדעם די דאָקטוירים האָבען ערקלעהרט, אַז יע־דע האָפֿנונג, אַז דער אויטאָר זאָל ווידער געזונד ווערען, איז אויסגע־שלאָסען.

איך האָב שוין באַלד אין אָנפֿאַנג פֿון דיזער ענטשטעהונגס־געשיכטע ערקלעהרט די אורזאַכען, וואָס האָבען מיין ברודער געמאַכט פֿערקערפּערן די אידעאַלע געשטאַלט פֿון זיין קעניגליכען פֿילאָזאָף אין אַ פּערסער. פֿאַר וואָס ער האָט אָבער טאַקע אויסגעקליבען צאַ־ראַטהוסטראַ, דאָס ערקלעהרט ער אונז אין די פֿאָלגענדע ווערטער: „מען האָט מיך ניט געפֿרעגט, נאָר מען וואָלט מיך געדאַרפֿט פֿרעגען, וואָס פֿאַר אַ בעדייטונג עס האָט אין מיין מויל, אין׳ם מויל פֿון׳ם ערשטען אונמאָראַליסט, דער נאָמען צאַראַטהוסטראַ: ווייל דאָס, אין וואָס עס בעשטעהט אייגענטליך די אונגעהייער איינציגקייט פֿון יע־נעם פּערסער אין דער געשיכטע, איז אייגענטליך דאָס דירעקטע געגענטהייל פֿון מיינע אַנשויאונגען. צאַראַטהוסטראַ איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט געזעהן אין׳ם קאַמפּף פֿון גוטס און שלעכטס דאָס אייגענטליכע ראַד אין דער בעוועגונג פֿון די ערשיינונגען; די איבערזעצונג פֿון דער מאָראַל אין׳ם מעטעפֿיזישע אַלס קראַפֿט, אורזאַכע און צוועק, דאָס איז זיין ווערק. אָבער דיזע פֿראַגע ענטהאַלט אין זיך אויך שוין דעם ענטפֿער. צאַראַטהוסטראַ איז געווען דער בעשע־פֿער פֿון יענעם אונגליקליכען טעות, וועלכען מען רופֿט מאָראַל. פֿאָל־גליך דאַרף ער אויך זיין דער ערשטער, וועלכער דערגעהט איהם. ניט בלויז דערפֿאַר, וואָס ער האָט אין דיזער בעציהונג אַ לענגערע און גרעסערע ערפֿאַהרונג פֿון אַלע אַנדערע דיינקער — די גאַנצע געשיכטע איז דאָך אייגענטליך אַן עקספּערימענטאַלע ווידערלייגונג

X.

פֿון דער זאָגענאַנטער „מאָראַלישער וועלט־אָרדנונג“ — נאָר ווייל ער איז אויך עהרליכער און אמת'ער פֿון יעדען אַנדערן דיינקער. זיין לעהרע און זי אַליין, זעהט אין דער וואַהרהייט די גרעסטע טוגענד; — דאָס איז דער דירעקטער געגענטהייל צו דער פֿייגהייט פֿון'ם „אידעאַליסט“, וועלכער אַנטלויפֿט פֿון דער ווירקליכקייט. צאַראַטהוסטראַ האָט מעהר דרייסטקייט אין זיך ווי אַלע דיינקער צוזאַמען. רעדען דעם אמת און גוט שיעסען מיט פֿיילען — דאָס איז די פעררסישע טוגענד. ווערט מען מיך פֿערשטעהן?... די מאָראַל, וועלכע בעזיעגט זיך אַליין צוליעב עהרליכקייט, דער מאָראַליסט, וועלכער בעזיעגט זיך אַליין און פֿערוואַנדעלט זיך אין זיין אייגענעם אַנטאָגאָניסט — נעמליך, אין מיך גופא: אָט דאָס איז פֿאַר מיר די בעדייטונג פֿון דעם נאָמען צאַראַטהוסטראַ.

עליזאבעטה פערסטער ניעטצשע.

צאַראטהוסטְרַא'ס פָארְרעֶדע.

1.

וען צאַראַטהוסטראַ איז אַלט געווען דרייסיג יאָהר, האָט ער פֿערלאָזען זיין היימאַט און דעם טייך פֿון זיין היימאַט און איז געגאַנגען צווישען די בערג. דאָרטען האָט ער זיך דערפֿרעהט מיט זיינע געדאַנקען און זיין איינזאַמקייט און פֿאַר צעהן יאָהר צייט זיינען זיי איהם ניט נמאס געוואָרען. נאָר ענדליך האָט זיך זיין האַרץ איבערגעביטען, — און אין אַ פֿריה־מאָרגען האָט ער זיך אויפֿגעהויבען צוגלייך מיט'ן מאָרגען־שטערען, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגען דער זונן און געזאָגט צו איהר אַזוי:

„דו גרויסער שטערען! וואָס וואָלט געווען דיין גליק, אויב דו וואָלסט ניט געהאַט די, פֿאַר וועמען דו שיינסט?

„שוין צעהן יאָהר, אַז דו קומסט אַרויף אין מיין הייל: עס וואָלט דיר שוין איבערדריסיג געוואָרען דיין ליכט און דער וועג אַהער, ווען ניט איך, מיין אָדלער און מיין שלאַנג.

„אָבער מיר האָבען געוואַרט אויף דיר יעדען פֿריה־מאָרגען, מיר האָבען גענומען פֿון דיר דיין איבעריגע ליכטיגקייט און דיר געבענטשט דערפֿאַר.

„זעהסט דו, מיין חכמה איז מיר נמאס געוואָרען, ווי דער ביען, וועלכע האָט אָנגעקליבען צו פֿיעל האָניג; כ'דאַרף האָבען הענד, וועלכע זאָלען זיך אויסשטרעקען צו מיר.

„ס'ווילט זיך מיר שענקען און אויסטהיילען, ביז וואַנען די

חכמים פון די מענשען וועלען זיך ווייטער אַמאָל דערפרעהען ביַים זייער נאַרישקייט און די אָרעמע מיט זייער רייכקייט.

„אָט דערפאַר דאַרף איך אַראָבקריכען אין דער טיפעניש, אַזוי ווי דו טהוסט אין אָבענד, ווען דו לאָזט זיך אַראָב אונטער'ן ים און ברענגסט דיין ליכטינקייט צו דער אַנדערער וועלט, דו אונגעהייער רייכער שטערן!

„כ'מוז אונטערגעהן, ווי די מענשען רופען עס אָן, צו וועלכע איך וויל מיך אַראָבלאָזען.

„דערפאַר בענטש מיר, דו רוהיגעס אויג, וועלכעס קען זאָגאַר זעהן צו פיעל גליק און ניט מקנא זיין!

„בענטש דעם בעכער, וועלכער וויל איבערלויפען, כדי דאָס וואַסער זאָל זיך אַרויסגיסען פון איהם ווי צולאָזענעם גאָלד און פונאַנדערטראָגען די אָבשפיגלונג פון דיין גליקזעליגקייט!

„זעה נאָר, דיזער בעכער וויל זיך אויסליידינען און צאַראַטהוסטראַ וויל ווידער ווערען אַ פּראָסטער מענש."

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבען צאַראַטהוסטראַ'ס אונטערגאַנג.

2.

צאַראַטהוסטראַ האָט זיך אַליין אַרונטערגעלאָזט פון די בערג און קיינער האָט איהם ניט בעגעגענט. נאָר ווען ער איז אַריינגעקומען אין די וועלדער, האָט ער פלוצלונג דערזעהן אַן אַלטען מאַן, וועלכער האָט פערלאָזט זיין הייליג הייזעל, אום צו זוכען קרייטער אין וואַלד. און דער אַלטער האָט אַזוי געזאָגט צו צאַראַטהוסטראַ:

„ניט פרעמד איז פאַר מיר דיזער וואַנדערער: מיט יאָהרען צוריק איז ער דאָ פאַרבייגעגאַנגען. צאַראַטהוסטראַ האָט מען איהם גערופען; נאָר ער האָט זיך איבערגעביטען.

„דאַמאַלסט האָסט דו דיין אַש געטראָגען באַרג-אַרויף: ווילסט דו היינט אַראָבטראָגען דיין פייער אין די טהאָלען? האָסט דו גאָר קיין מורא ניט פאַר דער שטראָף, וועלכע מען גיט אַן אונטערצינדער?

„יאָ, איך דערקען איהם! ס'איז צאַראַטהוסטראַ. זיין אויג איז

קלאָהר און אויף זיינע ליפען זעהט זיך ניט קיין עקעל. געהט ער ניט אַזוי ווי אַ מענצער?

„פערביטען האָט ער זיך, צאַראַטהוסטראַ, ווי אַ קינד איז ער געוואָרען, אויפגעכאַפּט פון שלאָף האָט ער זיך, צאַראַטהוסטראַ, וואָס זשע ווילסט דו צווישען די פערשלאָפענע?

„אַזוי ווי אין ים האָסט דו געלעבט אין דיין איינזאַמקייט, און דער ים האָט דיך געטראָגען. וועה צו דיר, וואָס דו ווילסט אַרויס־קומען אויף דער טריקעניש! וועה צו דיר, וואָס דו ווילסט די קערפּער ווייטער אַליין טראָגען!"

און צאַראַטהוסטראַ האָט איהם געענטפערט: „כ'האָב ליעב די מענשען!"

„און פאַר וואָס בין איך ווייטער אַנטלאָפען אין'ם וואַלד אין אין דער איינזאַמקייט?" האָט דער הייליגער אַ פרעג געטהאָן. „איז דאָס דען ניט געווען דערפאַר, וואָס איך האָב די מענשען אַזוי ליעב געהאַט?"

„היינט ליעב איך גאָט: די מענשען ליעב איך ניט מעהר. דער מענש איז פאַר מיר אַ צו פראָסטע זאַך. די ליעבע צו די מענשען וואָלט מיך אומגעבראַכט."

און צאַראַטהוסטראַ האָט געענטפערט: „וואָס האָב איך גערעדט פון ליעבע! איך ברייננ די מענשען אַ מתנה."

„גיב זיי קיין זאַך ניט!" האָט דער הייליגער געזאָגט. „נעהם בעסער פון זיי עפּעס צו און שלעפּ עס מיט זיי — דאָס וועט פאַר זיי זיין דאָס בעסטע, אַזוי לאַנג ווי עס וועט זיין גוט פאַר דיר.

„אויב דו ווילסט זיי שוין יאָ עפּעס געבען, דאַן גיב זיי ניט מעהר ווי אַ נדבה, און אָט דאָס זאָלען זיי נאָך דאַרפען אויסבעט־לען ביי דיר!"

„ניין," האָט צאַראַטהוסטראַ געענטפערט, „קיין נדבות גיב איך ניט. דערצו בין איך נאָך ניט גענוג אָרעם."

דער הייליגער האָט אַ שמייכעל געטהאָן און געזאָגט: „דאַן זעה נאָר, זיי זאָלען אָננעהמען דיינע רייכטהימער! זיי געטרויען ניט די איינזאַמע און גלויבען ניט, אַז מען קומט זיי עפּעס אַוועקשיינקען.

„אונזערע טריט קלינגען פאַר זיי צו איינזאַם אין די גאַסען,

ס'איז פֿאַר זיי פּונקט ווי זיי וואָלטען געהערט ביי נאַכט ליעגענדיג אין בעט, די טריט פֿון אַ מאַן, לאַנג איידער די זונן געהט אויף; און זיי פֿרעגען זיך דאַן: וואוהין געהט אָט דער גנב?

„געה ניט צו די מענשען, בלייב שוין בעסער אין'ם וואַלד! אָדער געה בעסער צו די חיות! פֿאַר וואָס ווילסט דו ניט זיין אַזוי ווי איך — אַ בער צווישען די בערען, אַ פֿויגעל צווישען די פֿויגעל?"

„און וואָס מאַכט דען דער הייליגער אין'ם וואַלד?" האָט גע־פֿרעגט צאַראַטהוסטראַ.

און דער הייליגער האָט געענטפֿערט: „איך מאַך ליעדער און זינג זיי. און ווען איך מאַך מיינע ליעדער, לאַך איך, וויין איך, ברום איך: אָט אַזוי לויב איך גאָט.

„מיט לאַכען, זינגען, וויינען און ברומען לויב איך דעם גאָט, וועלכער איז מיין גאָט. אָבער זאָג שוין, וואָס ברייגגסט דו אונז פֿאַר מתנות?"

ווען צאַראַטהוסטראַ האָט דערהערט דיזע רייד, האָט ער זיך געזעגענט מיט דעם הייליגען און געזאָגט: „וואָס האָב איך אייך צו געבען? לאָזט מיר אויף גיך אַוועקגעהן פֿון דאַנען, כדי איך זאָל ביי אייך קיין זאַך ניט צונעהמען!" און אַזוי האָבען זיי זיך צושיידט, דער אַלטער און דער מאַן, אוןביידע האָבען געלאַכט ווי צוויי יונ־גע קינדער.

ווען צאַראַטהוסטראַ איז געבליבען פֿאַר זיך אַליין, האָט ער צו זיין האַרץ אַזוי געזאָגט: „איז עס דען ווירקליך מעגליך, אַז דער אַלטער האָט נאָך גאָרניט געהערט אין זיין וואַלד, אַז גאָט איז טויט?"—

3.

ווען צאַראַטהוסטראַ איז געקומען צו דער נעכסטער שטאָדט, וועלכע איז געווען ניט ווייט פֿון די וועלדער, האָט ער געפֿונען אַסך מענשען פֿערזאַמעלט אויף'ן מאַרק: דען מען האָט אָנגעזאָגט, אַז איינער וועט געהן אויף'ן שטריק. און צאַראַטהוסטראַ האָט צו די מענשען אַזוי געזאָגט:

כ׳בין אַהער געקומען אייך דערצעהלען פון׳ם איבערמענשען. דער מענש איז אַ זאַך, וועלכע מוז נאָך בעזיעגט ווערען. וואָס האָט איהר געטהאָן איהם צו בעזיעגען?

אַלע בעשעפענישען, ביז היינט צו טאָג, האָבען אימער בעשאַפען עפּעס פאַלקאָמענערעס פון זיך: נאָר איהר אַליין ווילט זיין דער זומפּ פון דיזען מעכטיגען שטראָם און בעסער צוריקגעהן צו דער חיה, איידער בעזיעגען דעם מענשען?

וואָס איז די אַף פאַר׳ן מענשען? אַ געלעכטער אָדער אַ שמערצליכע שאַנדע. דאָסזעלבע זאָל זיין דער מענש פאַר׳ן איבער-מענשען: אַ געלעכטער און אַ שמערצליכע שאַנדע.

איהר האָט דורכגעמאַכט דעם וועג פון׳ם וואָרים ביז אַרויף צום מענשען, און פיעל איז אין אייך נאָך איבערגעבליבען פון׳ם וואָרים. אַמאָל זייט איהר געוועזען אַפען, און אַפילו היינט נאָך איז דער מענש פערבליבען אַן אַף איבער אַלע אַפען.

און אפילו דער קליגסטער פון אייך איז אויך ניט מעהר ווי אַן אינער-ליבער קאַמפף, אַ צוזאַמענמישונג פון פלאַנצונג און גייסט. אָבער מיינט איהר אפשר, אַז איך הייס אייך ווערען פלאַנצונגען אָדער גייסטער?

ניין, איך בין געקומען אייך דערצעהלען פון׳ם איבערמענש!

דער איבערמענש איז דער זין פון דער ערד. זאָל אייער ווילען בעשטימען, אַז דער איבערמענש זאָל זיין דער זין פון דער ערד.

איך בעשווער אייך, מיינע ברידער, בלייבט געטריי דער ערד און גלויבט ניט די יעניגע וועלכע דערצעהלען אייך פון איבערזאיר דישע האָפנונגען! גיפט-מישער זיינען זיי, צי זיי ווייסען עס צי ניט —,

אָבשטאַרבענדע בעשעפענישען זיינען זיי און אַליין פערגיפטעט; זיי פעראַכטען דאָס לעבען, ווייל די ערד איז זיי נמאס געוואָרען: זאָ-לען זיי זיך אָבטראָגען פון דאַנען!

אַמאָל איז זינדיגען געגען גאָט געוועזען די גרעסטע זינד; אָבער גאָט איז געשטאָרבען און צוזאַמען מיט איהם זיינען געשטאָרבען אַלע זינדיגע. צו זינדיגען געגען דער ערד איז היינט די שרעקליכס-טע עבירה; צו שטעלען העכער די טיעפעניש פון דאָס אונבעגרייפ-ליכע איבער דעם זין פון דער ערד, אָט דאָס איז היינט די גרעסטע עבירה פון אַלע עבירות!

אַמאָל האָט די נשמה געקוקט מיט פֿעראַכטונג אויף׳ן גוף, און דאַמאָלסט איז דיזע פֿעראַכטונג געווען דאָס העכסטע: — די נשמה האָט געוואָלט, אַז דער גוף זאָל זיין מאָגער, מיאוס און פֿערהונ־גערט. אַזוי האָט זי געדענקענט זיך אַרויסצו׳גנב׳ענען פֿון איהם און פֿון דער ערד.

אַך, דיזע נשמה איז דאַמאָלסט נאָך אַליין געווען מאָגער, מיאוס און פֿערהונגערט און די גרויזאַמקייט איז געווען איהר העכסטע בעפֿרידיגונג!

אָבער אויך איהר, מיינע ברידער, זאָגט מיר נאָר: וואָס פֿאַר סימנים טראָגט אייער גוף פֿון אייער נשמה? איז דען אייער נשמה ניט אָרעם און שמוציג און פֿול מיט אַ קליינליכער צופֿרידענהייט?

באמת, אַ שמוציגער טייך איז דער מענש; און מען דאַרף שוין זיין ווי אַ ים, אַז מען זאָל קענען אויפֿנעהמען אין זיך אַ שמוציגען טייך און ניט פֿעראונרייניגט ווערען.

הערט צו, איך בין געקומען אייך דערצעהלען פֿון׳ם איבער־מענשען! דער איבערמענש איז דיזער ים, אין איהם קען אונטער־געהן אייער גרויסע פֿעראַכטונג.

וואָס איז דאָס העכסטע, וואָס איהר קענט דערלעבען? דאָס איז די שטונדע פֿון דער גרויסער פֿעראַכטונג; די שטונדע, ווען זעגאַר אייער גליק ווערט אייך נמאס ווערען און אייער פֿערשטאַנד און אייער טוגענד.

דאָס איז די שטונדע, ווען איהר ווערט זאָגען: „וואָס פֿאַר אַ ווערטה האָט מיין גליק! ס׳איז מעהר ניט ווי אָרעמקייט און שמוץ און אַ קליינליכע צופֿריעדענהייט. אָבער מיין גליק וואָלט אייגענט־ליך בעדאַרפֿט זיין די רעכטפֿאַרטיגונג פֿון׳ם לעבען אַליין!“

דאָס איז די שטונדע, ווען איהר ווערט זאָגען: „וואָס פֿאַר אַ ווערטה האָט מיין שכל? בעגעהרט ער צו וויסען, אַזוי ווי דער לייב בעגעהרט זיין שפּייז? ניין, ער איז אָרעם און שמוציג און פֿול מיט אַ קליינליכער צופֿריעדענהייט!“

דאָס איז די שטונדע, ווען איהר ווערט זאָגען: „וואָס פֿאַר אַ ווערטה האָט מיין טוגענד? ביז יעצט האָט זי מיר נאָך ניט אויפֿ־גערעגט. ווי נמאס איז מיר שוין פֿאַר מיין גוטס און שלעכטס!

דאָס אַלעס איז ניט מעהר ווי אָרעמקייט און שמוץ און אַ קליינ־ליכע צופֿרידענהייט! "

דאָס איז די שטונדע, ווען איהר וועט זאָגען: „וואָס פֿאַר אַ ווערטה האָט מיין גערעכטיגקייט? איך בין נאָך ניט געוואָרען פֿייער און פֿלאַם. און דער גערעכטער איז שטענדיג פֿייער און פֿלאַם!"

דאָס איז די שטונדע, ווען איהר וועט זאָגען: „וואָס פֿאַר אַ ווערטה האָט מיין רחמנות? איז ניט רחמנות דער קרייץ, אויף וועלכען מען קרייציגט דעם, וואָס ליעבט די מענשען? אָבער מיין רחמנות איז ניט קיין קרייציגונג!

„האָט איהר שוין אַמאָל אַזוי געזאָגט? האָט איהר שוין אַמאָל אַזוי אויסגעשריען? אַך, ווען איך וואָלט אייך שוין אַמאָל געהערט אַזוי שרייען!

ניט אייער זינד — אייער צופֿרידענהייט שרייט אַרויף צום הימעל, און אייער קליינליכקייט זאָגאַר אין אייער זינדיגען שרייט אַרויף צום הימעל!

„וואו איז דער בליץ, וועלכער זאָל אייך בעריהרען מיט זיין פֿייערדיגער צונג? וואו איז דער וואַהנזין, וועלכען מען דאַרף ערשט איינפֿלאַנצען אין אייך?

„איך בין געקומען אייך דערצעהלען פֿון'ם איבערמענשען. דער איבערמענש, דאָס איז דיזער בליץ, דאָס איז דיזער וואַהנזין!" —

ווען צאַראַטהוסטראַ האָט דאָס אויסגערעדט, האָט זיך דער־הערט אַ שטימע פֿון פֿאָלק: „מיר האָבען שוין גענוג געהערט פֿון דעם שטריק-טענצער, מיר ווילען איהם שוין אַמאָל זעהן!" און אַלע מענשען האָבען זיך אויסגעלאַכט פֿון צאַראַטהוסטראַ. נאָר דער שטריק-טענצער, וועלכער האָט געמיינט, אַז מען מיינט עס איהם, האָט זיך געשווינד גענומען צו זיין אַרבייט.

4.

צאַראַטהוסטראַ האָט אָנגעקוקט די מענשען און האָט זיך פֿערוואונדערט. דאַן האָט ער אַזוי געזאָגט:

„דער מענש איז אַ שטריק, וועלכער פֿערבינדעט דאָס טהיער מיט דעם איבערמענשען, — אַ שטריק איבער אַן אָבגרונד.

„אַ געפֿעהרליכער אַריבערגאַנג, אַ געפֿעהרליכער וועג, גע־פֿעהרליך זיך אומצוקוקען, געפֿעהרליך צו שוידערן און שטעהן צו בלייבען.

„דאָס גרויסע, וואָס איז אין מענשען, איז דאָס וואָס ער איז אַ בריק און ניט קיין צוועק: וואָס מען קען ליעבען אין'ם מענשען, איז דאָס וואָס ער איז אַן איבערגאַנג און אַן אונטערגאַנג.

„איך ליעב די, וועלכע וויסען ניט ווי אַזוי צו לעבען, אָדער וועלכע לעבען בלויז, כדי אונטערצוגעהן, ווייל זיי זיינען די, וועלכע געהען אַריבער.

„איך ליעב די, וועלכע זיינען פֿול מיט פֿעראַכטונג, דען זיי זיי־נען דאָס די גרויסע פֿערעהרער, וועלכע שיסען מיט די פֿיילען פֿון זייער בענקשאפט צו דעם אַנדערן ברעג.

„איך ליעב די, וועלכע זוכען ניט אונטער די שטערען אַ גרונד פֿאַר זייער אונטערגאַנג און זייער אָפּפֿערן זיך; די, וועלכע אָפּ־פֿערן זיך פֿאַר דער ערד, כדי די ערד זאָל אַמאָל ווערען די היי־מאַט פֿאַר'ן איבערמענשען.

„איך ליעב דעם, וועלכער לעבט, אום צו זוכען די ערקענטניס, און וועלכער זוכט די ערקענטניס, כדי דער איבערמענש זאָל שפּע־טער קענען לעבען. אַט אַזוי וויל ער זיין אייגענעם אונטערגאַנג.

„איך ליעב דעם, וועלכער אַרבייט און ערפֿינדעט, אום אויפֿ־צובויען דאָס הויז פֿאַר'ן איבערמענשען און וועלכער גרייט אָן פֿאַר איהם די ערד, די חיות און די פֿלאַנצונגען — אַט אַזוי וויל ער זיין אייגענעם אונטערגאַנג.

„איך ליעב דעם, וועלכער האָט ליעב זיין טוגענד: דען די טוגענד איז דער ווילען אונטערצוגעהן און אַ פֿייל פֿון בענקשאפֿט.

„איך ליעב דעם, וועלכער בעהאַלט ניט פֿאַר זיך קיין טראָפּען פֿון זיין גייסט; דעם, וועלכער איז אין גאַנצען דער גייסט פֿון זיין טוגענד, ווייל אַזוי געהט ער אַלס גייסט איבער דער בריק.

„איך ליעב דעם, וועלכער מאַכט פֿון זיין טוגענד אַ ליידענשאַפֿט און אַן אונגליק, ווייל אַזוי וויל ער צוליעב זיין טוגענד נאָך ווייטער לעבען און ניט לעבען.

„איך ליעב דעם, וועלכער וויל ניט האָבען צו פֿיעל טוגענדען.

איין טוגענד איז גרעסער פֿון צוויי, ווייל דאָס אונגליק קען זיך בעסער צוטשעפּען צו איהר.

„איך ליעב דעם, וועלכער בריינגט אויס זיין נשמה, דעם וועל-כער דאַנקט קיינעם ניט און נעהמט ניט אָן קיין דאַנק, ווייל ער שיינקט שטענדיג אַוועק און בעהאַלט גאָרנישט פֿאַר זיך.

„איך ליעב דעם, וועלכער שעהמט זיך מיט זיין געווינס און; פֿרעגט זיך אַליין: „האָב איך אפשר פֿאַלש געשפּיעלט?" — ווייל ער וויל צו גרונדע געהן.

„איך ליעב דעם, וועלכער זאָגט פֿריהער גאָלדענע ווערטער, איידער ער בעגעהט זיינע טהאַטען און וועלכער האַלט נאָך אַלץ מעהר, ווי ער זאָגט צו, ווייל ער וויל אונטערגעהן.

„איך ליעב דעם, וועלכער רעכטפֿערטיגט די צוקינפֿטיגע און בעפֿרייט די פֿערגאַנגענע, ווייל אַזוי וויל ער צו גרונדע געהן אי-בער די מענשען פֿון היינט.

„איך ליעב דעם, וועלכער שטראָפֿט זיין גאָט, ווייל ער ליעבט זיין גאָט; דער מוז צו גרונדע געהן דורך דעם צאָרן פֿון זיין גאָט.

„איך ליעב דעם, וועמענס נשמה איז טיעף, אפילו ווען זי איז פֿערוואונדעט, דעם, וועלכער איז גרייט אונטערצוגעהן צוליעב אַ קליי-ניגקייט: אַט אַזוי וועט ער מיט צופֿרידענהייט אַריבערגעהן די בריק.

„איך ליעב דעם, וועמענס נשמה איז אַזוי פֿול, אַז ער פֿערגעסט אין זיך אַליין און אַלעס, וואָס לעבט אין איהם, ווייל אַזוי פֿיהרט אַלעס, וואָס לעבט אין איהם צו זיין אונטערגאַנג.

„איך ליעב דעם, וואָס האָט אַ פֿרייען גייסט און אַ פֿריי האַרץ ווייל ביי איהם איז דער קאָפּ די אינערליכקייט פֿון זיין האַרץ; און זיין האַרץ פֿיהרט איהם צום אונטערגאַנג.

„איך ליעב אַלע די יעניגע, וועלכע זיינען ווי שווערע טראָפּען און פֿאַלען אַראָב איינציגווייז פֿון דעם שוואַרצען וואָלקען, וועלכער שוועבט איבער'ן מענשען. זיי זאָגען אָן, אַז עס וועט באַלד בליצען און אַלס אָנזאָגער געהן זיי צוגרונדע.

„זעהט, איך בין אַן אָנזאָגער פֿון'ם בליץ און אַ שווערער טראָ-פּען פֿון'ם וואָלקען: נאָר דער איבערמענש איז אַט דיזער בליץ.

.5

ווען צאַראַטהוסטראַ האָט אויסגערעדט דיזע ווערטער, האָט ער ווייטער אַ בליק געוואָרפֿען אויף דאָס פֿאָלק און געשוויגען. „אָט שטעהען זיי!" האָט ער גערעדט צו זיך אַליין, „אָט לאַכען זיי! זיי פֿערשטעהען מיך ניט, מיין מויל איז ניט געמאַכט פֿאַר זייערע אויערען.

„אפשר דאַרף מען זיי פֿריהער פֿערשטאָפּען די אויערען, כדי זיי זאָלען זיך אויסלערנען הערען מיט די אויגען? אפשר דאַרף מען קלינגען און פויקען צו זיי ווי אַ מוסר-זאָגער? אָדער גלויבען זיי נאָר דעם, וואָס שטאַמעלט?

„זיי האָבען עפּעס, מיט וואָס זיי שטאָלצירען. ווי רופֿען זיי דאָס פֿאָרט, מיט וואָס זיי זיינען אַזוי שטאָלץ? בילדונג רופֿען זיי עס, דאָס מאַכט זיי העכער פֿון די ציעגען-פּאַסטוכער.

דערפֿאַר ליעבען זיי ניט צו הערען פֿון זיך דאָס וואָרט „פֿער-אַכטונג". זאָל איך פּרובירען רעדען צו זייער שטאָלץ!

„זאָל איך פּרובירען רעדען צו זיי פֿון דעם, וואָס רופֿט אַרויס אַם מייסטען פֿעראַכטונג? און דאָס איז דער לעצטער מענש.

און צאַראַטהוסטראַ האָט צום פֿאָלק אַזוי געזאָגט:

„ס'איז שוין צייט, דער מענש זאָל זיך מאַכען אַ ציעל. ס'איז שוין צייט דער מענש זאָל פֿערפֿלאַנצען דאָס קערנדעל פֿון זיין גרעסטער האָפֿנונג.

„נאָך איז זיין ערד גענוג רייך עס אויפֿצונעהמען. אָבער עס וועט קומען אַ צייט, ווען דיזע ערד וועט זיין אָרעם און מאָגער און קיין הויכע בוימער וועלען אויף איהר מעהר ניט קענען וואַקסען.

„וועה צו אונז! עס וועט קומען אַ צייט, ווען דער מענש וועט מעהר ניט האָבען די קראַפֿט צו שליידערן דעם פֿייל פֿון זיין בויג-קעניש אַריבער דעם מענשען, ווען זיין בויגען וועט מעהר ניט האָ-בען די קראַפֿט צו הוזשען!

„איך זאָג אייך: מען דאַרף נאָך האָבען אין זיך אַ שטיק תוהו ובוהו צו קענען בעשאַפֿען אַ טאַנצענדען שטערען. איך זאָג אייך: איהר האָט נאָך אין זיך אַ שטיק תוהו ובוהו.

„וועה צו אונז! עס וועט קומען אַ צייט, ווען דער מענש וועט מעהר ניט קענען בעשאַפֿען קיין שטערען. וועה צו אונז, ווען עס וועט קומען די צייט פֿון דער גרעסטער פֿעראַכטונג, ווען דער מענש וועט זיך אַליין מעהר ניט קענען פֿעראַכטען!

„זעהט, איך וויִז אייך דעם לעצטען מענשען!

„וואָס איז ליעבע? וואָס איז שעפּפֿונג? וואָס איז בייגקעניש? וואָס איז אַ שטערען? — אַזוי פֿרעגט דער לעצטער מענש און פינטעלט מיט די אויגען.

„די ערד וועט דאַן זיין קליין און אויף איהר וועט אַרומשפּרינגען דער לעצטער מענש, וועלכער מאַכט אַלעס קליין. זיין דור איז ניט צום אויסראָטען ווי דער ערד־פּלוי; דער לעצטער מענש וועט לעבען אַם לענגסטען.

„מיר האָבען אויסגעפֿונען דאָס גליק" — זאָגען די לעצטע מענשען און פינטלען מיט די אויגען.

„זיי האָבען פֿערלאָרען די פלעצער, וואו עס איז זיי שווער געווען צו לעבען, ווייל זיי דאַרפֿען האָבען וואַרעמקייט. מען ליעבט דאָך דעם שכן און מען רייבט זיך אַרום איהם, ווייל מען דאַרף האָבען וואַרעמקייט.

„קראַנק ווערן און ניט געטרויען איז ביי זיי אַ זינד; יעדער געהט אַרום מיט פֿאָרזיכטיגקייט. אַ נאַר איז דער, וועלכער שלאָגט זיך נאָך אָב אָן שטיינער און מענשען!

„אַביסעל גיפֿט פֿון צייט צו צייט, דאָס מאַכט, מען זאָל חלומ'ן זיס. און צו לעצט פיעל גיפֿט פֿאַר אַ זיסען טויט.

„מען וועט נאָך אַרבייטען, ווייל די אַרבייט וועט זיין אַ פֿערגניגען. אָבער מען איז פֿאָרזיכטיג, מען זאָל זיך ניט צו פֿיעל אָנשטריינגען מיט דעם פֿערגניגען.

„מען וועט מעהר ניט ווערען אָרעם און רייך, ווייל בייביידע דאַרף מען זיך אָנשטריינגען. ווער וועט נאָך וועלען רעגירען? ווער וועט נאָך וועלען פֿאָלגען? ביידע מאַכען זיי צו פֿיעל אַרבייט.

„קיין פאסטוך וועט מעהר ניט זיין, נאַר איין סטאַדע! יעדערער וועט וועלען דאַסזעלבע. אַלע זיינען גלייך, ווער עס פיהלט אַנדערש, לאָזט זיך פֿרייוויליג פֿערשפּאַרען אין אַ דול־הויז.

„אַמאָל איז די גאַנצע וועלט געווען משוגע" — זאָגען די פיינ־פיהלענסטע און פינטלען מיט די אויגען.

„אַלע וועלען זיין חכמים און וויסען אַלצדינג, וואָס האָט פּאַ־סירט. און אָט דערפאַר האָט מען ניט איבער וואָס צו שפּאָטען. מען וועט זיך נאָך אַביסעל קריגען, אָבער מען וועט זיך באַלד אי־בערבעטען, אַז ניט פערדאַרבט מען זיך דעם מאָגען.

„יעדער וועט זיך האָבען זיין ביסעלע פערגניגען ביי טאָג און זיין ביסעלע פערגניגען ביי נאַכט: נאָר די געזונדהייט וועט מען רעס־פּעקטירען.

„מיר האָבען אויסגעפונען דאָס גליק" — זאָגען די לעצטע מענ־שען און פינטלען מיט די אויגען." —

און דערמיט האָט זיך געענדיגט צאַראַטהוסטראַ'ס ערשטע רע־דע, וועלכע מען רופט אויך „די פאָררעדע;" ווייל דאָ האָט דאָס געשריי און די ליידענשאַפט פון דער מאַסע איבערגעשלאָגען זיינע רייד. „אָה צאַראַטהוסטראַ, גיב אונז דעם לעצטען מענשען!" האָבען זיי געשריען. „מאַך פון אונז אַזעלכע לעצטע מענשען! מיר זיינען דיר מוחל דעם איבערמענש!" און די גאַנצע מאַסע איז בעגייס־טערט געוואָרען און די סליונע איז זיי געלאָפען פון מויל. נאָר צאַ־ראַטהוסטראַ איז געוואָרען טרויעריג און האָט געזאָגט צו זיך אַליין:

„זיי פערשטעהען מיך ניט. מיין מויל איז ניט געמאַכט געוואָ־רען פאַר זייערע אויערען.

„צו לאַנג האָב איך געלעבט צווישען די בערג, צו פיעל האָב איך זיך צו געהערט צו דעם געמורמעל פון די טייכלאַך און דעם רוי־שען פון די בלעטער. יעצט רעד איך צו זיי ווי אַ פּאַסטוך רעדט צו זיין סטאַדע.

„אונבעוועגליך איז מיין נשמה און קלאָהר ווי די בערג אין אַ פריה-מאָרגען.

„אָבער זיי דיינקען, אַז מיין האַרץ איז קאַלט, אַז איך בין אַ לץ, וועלכער וואַרפט זיך אַרום מיט מורא'דיגע וויצען.

און אָט קוקען זיי מיך אָן און לאַכען, און לאַכענדיגערהייט פערהאַסען זיי מיך. און זייער געלעכטער איז קאַלט ווי אייז.

.6

מיט אַמאָל איז עפּעס געשעהן, וואָס האָט פֿערשטומט אַלע מיילער און פֿערדריקט אַלע הערצער. אונטער דער צייט האָט דער שטריק-טענצער אָנגעפֿאַנגען זיינע קונצען: ער איז אַרויסגעקומען פֿון אַ קליין טהיר׳ל און געגאַנגען אויף׳ן שטריק, וועלכער איז געווען אויסגעצויגען צווישען צוויי טהורעמס, אויף אַזאַ׳ן אַרט, אַז ער איז געהאַנגען איבער׳ן מאַרק און איבער די מענשען. ווען דער שטריק-טענצער איז שוין געווען פּונקט אין מיטען וועג, האָט זיך דאָס קליין טהיר׳ל נאָך אַמאָל אויפֿגעעפֿענט און אַ קאָמישע געשטאַלט, עהנליך צו אַ פּאַיאַץ, איז אַרויסגעשפּרונגען און האָט אָנגעהויבען נאָכצושטעלען פֿים דעם ערשטען. „ריהר זיך, ריהר זיך שלים-מזל איינער!" האָט ער געשריען מיט אַ שרעקליכע שטימע. „ריהר זיך, ריהר זיך, פֿוילער הונד, שווינדלער, פֿערקריינקטער פּנים! טראָג זיך אָב, איך זאָל דיך ניט דאַרפֿען קיצלען מיט מיין פֿוס! וואָס טרייבסט דו זיך אַרום צווישען הויכע טהורעמס? דו פּאַסט זיך צו זיין אין׳ם טהורם, פֿערשפּאַרען זאָל מען דיך, וויל דו פֿערשטעלסט דעם וועג אַ פֿעהיגערן פֿון דיר!" — מיט יעדען וואָרט איז ער צוגעקומען נעהנטער און נעהנטער צו איהם: און ווען ער איז שוין געווען איין טריט ווייט פֿון איהם, איז געשעהן דאָס שרעקליכע, וואָס האָט פֿערשטומט אַלע מיילער און פֿערדריקט אַלע הערצער. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי ווי אַ טייוועל און איז אַריבערגעשפּרונגען אַריבער דעם, וועלכער האָט איהם פֿערשטעלט דעם וועג. ווען דער שטריק-טענצער האָט דערזעהן, אַז זיין קאָנקורענט האָט איהם אַריבערגעיאָגט, האָט ער פֿערלאָרען דעם קאָפּ און דעם שטריק, אויף וועלכען ער איז געגאַנגען, ער האָט אַוועקגעוואָרפֿען דעם שטעקען זיינעם און ווי אַ קנויל פֿון הענד און פֿים איז ער אַרונטערגעפֿאַלען אויף דער ערד. דער מאַרק און דאָס פֿאָלק האָט מיט אַמאָל אויסגעזעהן ווי דער ים, ווען דער שטורם קומט אָן: אַלע האָבען אָנגעהויבען לויפֿען איינער איבער׳ן אַנדער׳ן און דער עיקר דאָרטען, וואו דער קערפּער האָט געדאַרפֿט אַרונטערפֿאַלען.

צאַראַטהוסטראַ אַליין איז שטעהן געבליבען און פּונקט נעבען

איהם איז דער קערפער אַרונטערגעפאַלען, שרעקליך צו׳הרג׳עט און צוקאַליעטשיעט, אָבער נאָך ניט טויט. אין אַ ווײלע אַרום איז דער פערוואונדעטער צו זיך געקומען און האָט דערזעהן צאַראַטהוסטראַ שטעהענדיג נעבען איהם אויף די קניע. „וואָס טהוסט דו נעבען מיר?" האָט ער זיך ענדליך אָבגערופען. „כ׳האָב שוין לאַנג געוואוסט, אַז דער טײוועל וועט מיר אָבטהון אַ שפּיצעל. יעצט וועט ער מיך אַוועקשלעפּען אין גיהנום; קענסט דו איהם פערוועהרען?"

„איך פערזיכער דיר, מיין פריינד", האָט צאַראַטהוסטראַ געענטפערט, „אַז דאָס אַלעס עקזיסטירט מעהר ניט: ניטאָ מעהר קיין טײוועל און קיין גיהנום! דיין נשמה וועט נאָך גיכער שטאַרבען ווי דיין גוף: דו דאַרפסט דערפאַר מעהר ניט מורא האָבען!"

דער מאַן האָט איהם אָנגעקוקט מיט חשד. „אויב דאָס, וואָס דו זאָגסט, איז אמת," האָט ער געזאָגט, „דאַן פערליר איך קיין זאַך ניט, ווען איך פערליר דאָס לעבען. דען, הייסט עס, בין איך ניט מעהר ווי אַ פּראָסטע חיה, וועלכע מען האָט אויסגעלערנט טאַנצען מיט קלעפּ און מאָגערע ביסען."

„ניט דאָס מיין איך," האָט געענטפערט צאַראַטהוסטראַ. „דו האָסט געמאַכט פון דער געפאַהר אַ פּראָפעסיאָן און דאָס דאַרף מען קיינמאָל ניט פעראַכטען. יעצט געהסט דו צו גרונד דורך דיין פּראָפעסיאָן; דערפאַר וועל איך דיך בעגראָבען מיט מיינע אייגענע הענד."

ווען צאַראַטהוסטראַ האָט אויסגערעדט דיזע ווערטער, האָט דער שטאַרבענדער שוין מעהר ניט געענטפערט; אָבער ער האָט בעוועגט די האַנד אַזוי ווי ער וואָלט געזוכט די האַנד פון צאַראַטהוסטראַ איהם צו בעדאַנקען. —

7.

אונטער דער צייט איז געוואָרען נאַכט און דער מאַרק האָט זיך איינגעהילט אין פינסטערניש: דאַן איז זיך די מאַסע פונאַנדערגעגאַנגען אַהיים, וויל זאָגאר שרעק און נייגעריגקייט ווערען אויך פערמאַטערט מיט דער צייט. אָבער צאַראַטהוסטראַ איז נאָך אימער

געזעסען אויף דער ערד נעבען דעם טויטען, פערטיעפט אין זיינע געדאַנקען און האָט זיך אין גאַנצען פערגעסען אין דער צייט. ענד־ליך האָט ער זיך אומגעקוקט, אַז עס איז שוין האַלבע נאַכט און אַ קאַלטער ווינד האָט אָנגעהויבען בלאָזען איבער דעם איינזאַמען. און צאַראַטהוסטראַ האָט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד און גע־זאָגט צו זיך אַליין:

„באמת, אַ שעהנעם העכט האָט צאַראַטהוסטראַ היינט גע־כאַפּט! קיין מענשען האָט ער ניט געפאַנגען, נאָר אַ טויטען.

„מורא׳דיג איז דעם מענשען׳ס לעבען און נאָך אַלץ אָהן אַ שום זין: אַ פּאַיאַץ קען בעשטימען זיין שיקזאַל.

„כ׳וויל לערנען די מענשען דעם צוועק פון זייער לעבען: און דיזער צוועק איז דער איבערמענש — דער בליץ פון דעם שוואַרצען וואָלקען מענש.

„אָבער איך בין נאָך זעהר וויט פון זיי און מיין האַרץ קען זיך נאָך ניט פערשטענדיגען מיט זייערע הערצער. אַ מיטעל־שטופע בין איך נאָך פאַר די מענשען צווישען אַ נאַר און אַ טויטען.

„די נאַכט איז פינסטער און פינסטער זיינען די וועגען פון צאַראַטהוסטראַ. קום, דו מיין קאַלטער און שטייפער חבר! איך וועל דיך ערגעץ אַוועקטראָגען, וואו איך וועל דיך קענען בעגראָבען מיט מיינע אייגענע הענד.״

8.

ווען צאַראַטהוסטראַ האָט צו זיך אַליין גערעדט דיזע ווערטער, האָט ער גענומען דעם טויטען אויף די פלייצעס און האָט זיך אַוועק־געלאָזט אין וועג. און ער איז נאָך ניט אָבגעגאַנגען קיין הונדערט טריט, איז אַ מענש צו איהם צוגעגאַנגען שטילערהייט און האָט איהם עפּעס אַריינגעשושקעט אין אויער — און אַז צאַראַטהוסטראַ האָט זיך צוגעקוקט צו איהם, האָט ער דערקענט דעם פּאַיאַץ פון׳ם טהורעם. „געה אַוועק פון דיזער שטאָדט, צאַראַטהוסטראַ,״ האָט ער צו איהם געזאָגט; „צו פיעלע פערהאַסען דיך דאָ. עס פערהאַסען דיך די גוטע און גערעכטע און זיי רופען דיך זייער שונא און פער־

אבטער; עס פערהאַסען דיך די גלויביגע פון'ם אמת'ען גלויבען און זיי רופען דיך אַ געפאַהר פאַר דער מאַסע. ס'איז געוועזען דיין גליק, וואָס מען האָט איך אויסגעלאַכט פון דיר, און דעם אמת זאָגענדיג, האָסט דו גערעדט ווי אַ פּאַיאַץ. ס'איז געוועזען דיין גליק, וואָס דו האָסט זיך בעפריינדעט מיט אָט דעם טויטען הונד; און מיט דעם וואָס דו האָסט זיך אויף אַזוי פיעל ערנידעריגט, האָסט דו זיך היינט אַליין געראַטעוועט. אָבער איך זאָג דיר, געה אַוועק פון דיזער שטאָדט — אַז ניט וועל איך מאָרגען איבער דיר אַריבערשפּרינגען, אַ לעבעדיגער איבער אַ טויטען." און ווען ער האָט דאָס געזאָגט, איז ער פערשוואונדען געוואָרען; אָבער צאַראַטהוסטראַ איז געגאַנגען ווייטער איבער די פינסטערע גאַסען.

נעבען טהויער פון דער שטאָדט האָט ער בעגעגענט די קברות-מענער: און ביים שיין פון זייערע לאַנטערנען האָבען זיי דערזעהן, אַז עס איז צאַראַטהוסראַ און האָבען חוזק געמאַכט פון איהם. „זעהט נאָר, צאַראַטהוסטראַ שלעפּט אַוועק פון דאַנען דעם טויטען הונד! זעהר שעהן, אַז צאַראַטהוסטראַ איז געוואָרען אַ קברות-מאַן! ווייל אונזערע הענד זיינען צו ריין פאַר דיזען פגר. וויל אפשר צאַראַטהוסטראַ אַוועקכאַפּען דעם ביסען פון'ם טייוועל? זעהר גוט, מיר ווינשען דיר גליק צו דיין מאָהלצייט! אויב דער טייוועל איז נאָר ניט קיין גרעסערער גנב פון צאַראַטהוסטראַ! — ער וועט זיי ביידע אַוועקכאַפּען און ביידע איינשלינגען!" און זיי האָבען אַלע געלאַכט און געשאָקעלט מיט די קעפּ.

צאַראַטהוסטראַ האָט זיי קיין וואָרט ניט געענטפערט און איז ווייטער געגאַנגען זיין אייגענעם וועג. ווען ער איז געגאַנגען צוויי שטונדען פאַרביי וועלדער און זומפּען, האָט ער זיך צופיעל אָנגעהערט דעם געביל פון די הונגעריגע וועלף, אַז ער איז אַליין אויך הונגעריג געוואָרען. און ער האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען אַן איינזאַם הייזעל, וואו ער האָט געזעהן ברענען אַ ליכט.

„דער הונגער פאַלט אויף מיר אָן, אַזוי ווי אַ רויבער", האָט צאַראַטהוסטראַ געזאָגט. „אין וועלדער און זומפּען פאַלט ער אָן אויף מיר, מיין הונגער, און אין דער פינסטערער נאַכט.

„מאָדנע קאַפּריזען האָט מיין הונגער. זעהר אָפט קומט ער צו

מיר נאָך'ן מאָהלציים, און היינט איז ער דעם גאַנצען טאָג ניט גע־קומען: אַ וואונדער, וואו ער איז געווען די גאַנצע צייט?"

און צאַראַטהוסטראַ האָט אַ קלאַפּ געטהאָן אין טהיר פון'ם הויז. אַן אַלטער מאַן איז אַרויסגעקומען מיט אַ ליכט אין דער האַנד און האָט געפרעגט: „ווער קומט צו מיר און צו מיין בייזען שלאָף?"

„אַ לעבעדיגער און אַ טויטער", האָט צאַראַטהוסטראַ געענט־פערט. „גיט מיר צו עסען און צו טרינקען, ווייל איך האָב ביי טאָג אָן דעם פערגעסען. דער וואָס שפייזט אַ הונגעריגען, ערקוויקט זיין איי־גענע נשמה: אַזוי זאָגען די חכמים."

דער אַלטער איז אַוועקגעגאַנגען און האָט געבראַכט צאַראַ־טהוסטראַ'ן ברויט און וויין. „ס'איז אַ שלעכטע געגענד פאַר הונגע־ריגע", האָט ער געזאָגט, „דערפאַר וואוין איך דאָ. חיות און מענ־שען קומען צו מיר, דעם איינזאַמען. אָבער הייס אויך דיין חבר עסען און טרינקען, ער איז מעהר פערמאַרטערט פון דיר." און צאַראַ־טהוסטראַ האָט געענטפערט: „מיין חבר איז טויט, און עס וועט מיר שווער אָנקומען איהם איבערצוריידען." „וואָס אַרט עס מיר!" האָט דער אַלטער געענטפערט זיך בייזערענדיג; „ווער עס קלאַפּט אָן אין מיין טהיר, מוז אויך נעהמען וואָס איך גיב איהם. עסט און האָט זיך אַ גוטע נאַכט!" —

און צאַראַטהוסטראַ איז וויטער געגאַנגען צוויי שטונדען, פער־לאָזענדיג זיך אויף דעם וועג און דעם שיין פון די שטערען; דען ער איז געוואוינט געווען ביי נאַכט צו געהן און אַריינצוקוקען אַלע שלאָפענדיגע אין די פּנים'ער. אָבער ווען עס האָט אָנגעפאַנגען טאָ־גען, האָט זיך צאַראַטהוסטראַ געפונען אין אַ טיעפען וואַלד און קיין וועג האָט זיך איהם מעהר ניט געוויזען. און ער האָט דעם טויטען אַריינגעלייגט אין אַ פוסטען בוים, כדי די וועלף זאָלען איהם ניט אויפעסען, און ער אַליין האָט זיך אויסגעצויגען אויף דער ווייכער ערד. באַלד דערויף איז ער אַנשלאָפען געוואָרען, דען זיין קערפּער איז געווען פערמאַרטערט, אָבער זיין נשמה איז געווען רוהיג ווי אַלע מאָל.

.9

צאַראַטהוסטראַ איז געשלאָפֿען אַ לאַנגע צייט, און ניט נאָר דער מאָרגען־שטערען, אויך די זונן איז אויפֿגעגאַנגען איבער איהם. נאָר ענדליך האָבען זיך אויפֿגעעפֿענט זיינע אויגען: פֿערוואונדערט האָט צאַראַטהוסטראַ געקוקט אויף דעם וואַלד און אויף דער שטיל־קייט און פֿערוואונדערט האָט ער אַריינגעקוקט אין זיך אַליין. דאַן האָט ער זיך פלוצלונג אויפֿגעכאַפּט, אַזוי ווי אַ ים־פֿאָהרער, וועל־כער דערזעהט מיט אַמאָל לאַנד. און זיין האַרץ איז געוואָרען פֿריי־ליך, דען ער האָט געזעהן אַ נייע וואַהרהייט. און צאַראַטהוסטראַ האָט גערעדט צו זיך אַליין:

„אַ נייעס ליכט האָט זיך מיר געוויזען: חברים דאַרף איך — לעבעדיגע, ניט קיין טויטע חברים און מתים, וועלכע איך דאַרף שלעפּען אויף די פּלייצעס, וואוהין איך וויל נאָר.

„לעבעדיגע חברים דאַרף איך, וועלכע פֿאָלגען מיר נאָך, ווייל זיי ווילען זיך אַליין פֿאָלגען און וועלכע ווילען געהן אַהין, וואו איך וויל.

„אַ נייעס ליכט האָט זיך מיר בעוויזען: ניט צום פֿאָלק זאָל צאַראַטהוסטראַ רעדען, נאָר צו חברים! ניט אַ פּאַסטוך און ניט אַ הונד פֿון אַ סטאַדע זאָל ער זיין, צאַראַטהוסטראַ.

„איך בין געקומען, כדי אַוועקצורופֿען פֿיעלע פֿון דער סטאַדע. פֿערהאַסען זאָלען זיי מיך, דאָס פֿאָלק און די סטאַדע! רויבער זאָ־לען זיי מיך רופֿען, די פּאַסטוכער!

„פּאַסטוכער רוף איך זיי, נאָר זיי רופֿען זיך די גוטע און גע־רעכטע. פּאַסטוכער רוף איך זיי, נאָר זיי רופֿען זיך די גלויביגע פֿון'ם אמת'ען גלויבען.

„זעהט נאָר, די גוטע און גערעכטע! ועמען פֿערהאַסען זיי אַם מייסטען? דעם וועלכער צוברעכט זייערע לוחות מיט די געזעצע — דעם צוברעכער, דעם פֿערברעכער פֿערהאַסען זיי. ער אָבער איז דער שאַפֿענדער.

„זעהט נאָר, די גלויביגע פֿון'ם אמת'ן גלויבען! ועמען פֿער־האַסען זיי אַם מייסטען? דעם, וועלכער צוברעכט זייערע לוחות מיט די געזעצע — דעם צוברעכער, דעם פֿערברעכער פֿערהאַסען זיי. ער אָבער איז דער שאַפֿענדער.

„חברים זוכט דער שאַפּענדער, ניט קיין מתים, אויך ניט קיין סטאַדעס און ניט קיין גלויביגע. מיט־שאַפּענדע זוכט דער שאַפּענדער, אַזעלכע וואָס שרייבען אָן נייע געדאַנקען אויף נייע לוחות.

„חברים זוכט דער שאַפּענדער און אַזעלכע, וואָס שניידען מיט איהם די פּרוכט: דען אַלעס איז ביי איהם רייף צום שניט. אָבער עס פעהלען איהם די הונדערט קאָסעס צום שניידען; אַט דערפאַר רייסט ער אָב זאַנגען און בייזערט זיך.

„חברים זוכט דער שאַפּענדער און אַזעלכע, וואָס ווייסען ווי אַזוי צו שאַרפען זייערע קאָסעס. צושטערער וועט מען זיי רופען, פערניכטער פון גוטס און שלעכטס. אָבער זיי זיינען די, וואָס שניי־דען און געניסען.

„מיט־שאַפּענדע זוכט צאַראַטהוסטראַ, אַזעלכע, וואָס שניידען און געניסען מיט איהם: וואָס האָט ער צו טהאָן מיט סטאַדעס, פאַסטוכער און מתים?

„און דו, מיין ערשטער חבר, רוה אין פריעדען. גוט בעגראָ־בען האָב איך דיך אין דיין פוסטען בוים, גוט בעוואָרענט האָב איך דיך פון די וועלף.

„נאָר איך מוז זיך מיט דיר שיידען, ווייל עס איז שוין אַריבער די צייט. מיט דעם מאָרגען־שטערען איז געקומען צו מיר אַ נייע וואַרהייט.

„ניט קיין פאַסטוך וויל איך זיין און ניט קיין קברות־מאַן. איך וועל צומאָל ניט מעהר רעדען צום פאָלק, און צום לעצטען מאָל האָב איך גערעדט צו אַ טויטען.

„כ׳וועל מיר פעראייניגען מיט די, וועלכע שאַפען, שניידען און געניסען. כ׳וועל זיי ווייזען דעם רעגען־בויגען און אַלע שטופען ביז צום איבערמענש.

„כ׳וועל זינגען מיין ליעד פאַר די איינזאַמע און צווייזאַמע; און ווער עס האָט נאָך אויערען פאַר אַזעלכעס, וואָס איז נאָך ניט גע־הערט געוואָרען, דעם וועל איך מאַכען שווער זיין האַרץ מיט מיין גליק.

„איך וויל צו מיין ציעל, איך וויל געהן מיין אייגענעם וועגי כ׳וויל אַריבערשפרינגען איבער די לאַנגזאַמע און די, וואָס שטעלען זיך אָב. אַט אַזוי וועט מיין גאַנג זיין זייער אונטערגאַנג!"

.10

אזוי האָט צאַראַטהוסטראַ גערעדט צו זיך אַליין, ווען די זונן איז שוין געשטאַנען אין מיטען הימעל, דאַן האָט ער אַרויפגעקוקט אין דער הויך, ווייל ער האָט דערהערט איבער זיך דעם געשריי פון אַ פויגעל. און זיינע אויגען האָבען דערזעהן אַן אָדלער, וועלכער איז געפלויגען אין ווייטע קרייזען אין דער לופט. ער האָט געשלעפט מיט זיך אַ שלאַנג, נאָר נים ווי אַן אָפּפער, דען זי האָט זיך אַרום־געוויקעלט אַרום זיין האַלז אַזוי ווי אַ פריינדין.

„אָט זיינען מיינע חיות!" האָט צאַראַטהוסטראַ געזאָגט און האָט זיך דערפרעהט פון טיפען האַרצען.

„דאָס שטאָלצעסטע טהיער אונטער דער זונן און דאָס קליג־סטע טהיער אונטער דער זונן זיינען אַרויס אויסצופאָרשען, אויב צאַראַטהוסטראַ לעבט נאָך. יאָ, איך לעב נאָך!

„כ'האָב אויסגעפונען, אַז צווישען די מענשען איז פיעל געפעהר־ליכער ווי צווישען די חיות. אַ געפעהרליכען וועג גערהט צאַראַ־טהוסטראַ. זאָלען מיינע חיות מיך פיהרען!"

ווען צאַראַטהוסטראַ האָט דאָס געזאָגט, האָט ער זיך דערמאָהנט אָן די רייד פון דעם הייליגען אין'ם וואַלד, און ער האָט אַ זיפץ געטהאָן און געזאָגט צו זיך אַליין:

„כ'וואָלט געוואָלט זיין קליגער! כ'וואָלט געוואָלט זיין אַזוי קלוג ווי מיין שלאַנג!

„אָבער דאָס, וואָס איך וויל, איז אונמעגליך. אָט דערפאַר בעט איך, אַז מיין שטאָלץ זאָל אימער געהן האַנד אין האַנד מיט מיין חכמה!

און ווען מיין חכמה וועט מיר אַמאָל פערלאָזען — אַך, זי האָט ליעב אַוועקצופליהען! — דאַן וואָלט איך געוואָלט, אַז מיין שטאָלץ, זאָל נאָך פליהען צוזאַמען מיט מיין נאַרישקייט! —

— אַזוי האָט זיך אָנגעהויבען צאַראַטהוסטראַ'ס אונטערגאַנג.

צֵאַרַאטהוּסטְרַא'ס רֶעדֶען.

מַכָּה די דריי פערוואַנדלונגען.

דריי פערוואַנדלונגען זאָג איך אייך, דריי פערוואַנדלונגען פון׳ם גייסט: ווי דער גייסט פערוואַנדעלט זיך אין אַ קעמעל, דער קעמעל אין אַ לייב און צולעצט דער לייב אין אַ קינד.

פיעל שווערעס גיט עס פאַר דעם גייסט, דעם שטאַרקען, טראָג-זאַמען גייסט, וועלכער האָט אין זיך אַ הייליגען רעספּעקט: נאָך דעם שווערען און שווערסטען בענעהרט זיין שטאַרקייט.

וואָס איז שווער? אַזוי פרעגט דער טראָגזאַמער גייסט, אַזוי שטעלט ער זיך אויף די קניע ווי דער קעמעל און וויל, מען זאָל איהם גוט אָנלאָדען.

וואָס איז דאָס שווערסטע, איהר העלדען? אַזוי פרעגט דער טראָגזאַמער גייסט, אַז איך זאָל עס קענען נעהמען אויף די פּלייצעס און זיך דערפרעהען מיט מיין שטאַרקייט.

איז ניט דאָס שווערסטע זיך צו ערנידעריגען, כדי צו פער-וואונדען דעם שטאָלץ? אַרויסשטעלען די נאַרישקייט, כדי זיך אויס-צולאַכען פון דער חכמה?

אָדער איז אפשר דאָס שווערסטע: צו שיידען זיך מיט׳ן אידעאַל, ווען ער פייערט שוין זיין זיעג? אָדער מיינט עס אַרויפ-קלעטערען אויף הויכע בערג, אום צו פערפיהרען דעם פערפיהרער?

אָדער איז דאָס שווערסטע: זיך צו ערנעהרען מיט דעם גראָז און היי פון דער וויסענשאַפט און צוליעב דער וואַרהייט אויס-הונגערן די נשמה?

אָדער איז דאָס דאָס שווערסטע: קראַנק זיין און אַוועקטרייבען פֿון זיך די פֿריינד, כדי צו שליסען פֿריינדשאַפֿט מיט טויבע, וועל-כע פֿערשטעהען קיינמאָל ניט, וואָס דו ווילסט?

אָדער איז דאָס דאָס שווערסטע: זיך אונטערטונקען אין מוטנע וואַסער, ווען מען רופֿט עס דאָס וואַסער פֿון דער וואַהרהייט, און ניט אַוועקשטופֿען פֿון זיך קאַלטע זשאַבעס און הייסע ווערים?

אָדער איז דאָס דאָס שווערסטע: צו ליעבען די, וועלכע פֿער-אַכטען אונז און צו דריקען דעם טייוועל די האַנד, ווען ער וויל אונז איבערשרעקען?

אַט דאָס אַלעס, דאָס שווערסטע, נעהמט דער טראָגזאַמער גייסט אויף זיך: אָנגעלאָדען ווי אַ קעמעל, וועלכער לויפֿט אין׳ם מדבר, אַזוי לויפֿט דער טראָגזאַמער גייסט אין זיין מדבר.

אָבער אין׳ם איינזאַמסטען מדבר געשעהט די צווייטע פֿער-וואַנדלונג: דאָרט ווערט דער גייסט אַ לייב, פֿרייהייט וויל ער זיך ערקעמפֿפֿען און זיין דער האַרר פֿון זיין אייגענעם מדבר.

דעם לעצטען האַרר זיינעם זוכט ער דאָרטען, זיין לעצטען גאָט בעזיעגען וויל ער דעם שרעקליכען שד.

ווער איז דער שרעקליכער שד, וועמען דער גייסט וויל מעהר ניט אַנערקענען אַלס זיין האַרר און גאָט? „דו מוזט!" אַזוי רופֿט זיך דער שרעקליכער שד. אָבער דער גייסט פֿון׳ם לייב זאָגט „איך־וויל"!

„דו־מוזט!" אַט דאָס איז די בריאה מיט די גאָלדענע שופּען, וועלכע ליגט ביים וועג, און אויף יעדער שופּ בלישטשען די ווער-טער: „דו מוזט!"

טויזענד־יעהריגע וואַהרהייטען בלישטשען אויף דיזע שופּען, און אַזוי זאָגט די מעכטיגסטע פֿון אַלע בריאות: „אַלע וואַהרהייטען פֿון׳ם לעבען בלישטשען אויף מיר.

„אַלע וואַהרהייטען זיינען שוין ענטדעקט געוואָרען און אַלע ענטדעקטע וואַהרהייטען, דאָס בין איך. באמת, עס זאָל מעהר ניט זיין קיין „איך־וויל!" אַזוי זאָגט די בריאה.

זאָגט מיר, מיינע ברידער, צו וואָס דאַרף דער גייסט זיין אַ לייב? איז דען ניט גענוג דער אָנגעלאָדענער קעמעל, וועלכער ענט-

זאָגט זיך פון אַלעם און איז דורכגעדרונגען מיט אַ היילינגען רעס־פעקט?

שאַפען נייע וואַהרהייטען — אַט דאָס קען דער לייב נאָך אויך ניט; אָבער שאַפען זיך פרייהייט צו נייעם שאַפען — אַט דאָס קען די קראַפט פון'ם לייב.

שאַפען זיך פרייהייט און זאָגען אַ היילינגעס ניין זאָגאַר צו דער פליכט, אַט צו דעם, מיינע ברידער, איז נייטיג דער לייב.

נעהמען זיך דאָס רעכט אויסצוגעפינען נייע וואַהרהייטען — אַט דאָס איז די שרעקליכסטע טהאַט פאַר אַ טראָגזאַמען און אונטערטהעניגען גייסט. באמת, אַ רויב איז דאָס פאַר איהם און די טהאַט פון אַ ווילדער חיה.

אַמאָל איז געווען זיין היילינגסטעס: „דו מוזט"; יעצט מוז ער נאָך אויסגעפינען טעות'ן און קאַפריזען אין'ם היילינגסטען, אום צו רויבען פאַר זיך די פרייהייט פון דעם, וואָס ער ליעבט. אַט דערצו דאַרף מען דעם לייב.

אָבער זאָגט מיר, מיינע ברידער, וואָס האָט דאָס קינד נאָך אין זיך, וואָס עס פעהלט זאָגאַר דעם לייב? צו וואָס דאַרף דער ווילדער לייב נאָך ווערען אַ קינד?

אונשולדיג איז דאָס קינד, אַ נייער אָנפאַנג, אַ שפיעל, אַ ראָד, וואָס דרעהט זיך פון זיך אַליין, אַן ערשטע בעוועגונג, אַ היילי־געס יאָ.

יאָ, מיינע ברידער, אין דער קונסט צו שאַפען דאַרף מען האָ־בען אַ היילינגעס יאָ: דער גייסט פאָדערט זיין ווילען; זיין אייגענע וועלט געווינט דער, וואָס האָט פערלאָרען אַ וועלט.

דריי פערוואַנדלונגען האָב איך אייך געזאָגט, דריי פערוואַנד־לונגען פון'ם גייסט: ווי דער גייסט פערוואַנדעלט זיך אין אַ קעמעל, דער קעמעל אין אַ לייב און צולעצט דער לייב אין אַ קינד. —

אַזוי האָט גערעדט צאַראַטהוסטראַ. און דאַמאָלסט איז ער גע־ווען אין דער שטאָדט, וועלכע מען רופט די קאָלירטע קוה.

מְכּחַ די טוגענד־קאַטהעדראַס.

מען האָט דערצעהלט צאַראַטהוסטראַ'ן פֿון אַ חכם, וועלכער פֿערשטעהט זעהר גוט צו רעדען איבער דעם שלאָף און וועגען דער טוגענד, אָט דערפֿאַר האָט מען איהם זעהר רעספּעקטירט און גוט בעלוינט און אַלע יונגע לייט זיינען געזעסען אַרום זיין קאַטהעדראַ. און צאַראַטהוסטראַ איז געגאַנגען צו איהם און האָט זיך אַוועקגע־זעצט צווישען אַלע תלמידים. און דער חכם האָט אַזוי געזאָגט:

כבוד און רעספּעקט פֿאַר דעם שלאָף! אָט דאָס איז דאָס ער־שטע! און אָבטרעטען אַלעמען דעם וועג, וועלכע קענען ניט גוט שלאָפֿען און זיינען וואַך ביי נאַכט!

אפילו דער גנב האָט אויך רעספּעקט פֿאַר'ן שלאָף, און גאַנץ שטיל גנב'ט ער זיך דורך אין דער פֿינסטערניש. אונפֿערשעהמט איז נאָר דער וועכטער, חוצפה'דיג בלאָזט ער אויף זיין האָרן.

עס קומט ניט אָן לייכט צו שלאָפֿען, און מען דאַרף שוין וואַך זיין אַ גאַנצען טאָג, אום שלעפֿערדיג צו ווערען.

צעהן מאָל אַ טאָג מוזט דו זיך אַליין בעזיעגען; דאָס מאַכט אַן אַנגענעהמע מיעדקייט און איז באַלזאַם פֿאַר דער נשמה.

צעהן מאָל מוזט דו זיך מיט זיך אַליין איבערבעטען; ווייל זיך צו בעזיעגען איז ביטער, און דער ניט איבערגעבעטענער האָט אַ שלעכטען שלאָף.

צעהן וואַהרהייטען מוזט דו געפֿינען דורך'ן טאָג, אַז ניט, מוזט דו ביי נאַכט נאָך אויך זוכען וואַהרהייט און דיין נשמה בלייבט הונגעריג.

צעהן מאָל אַ טאָג מוזט דו לאַכען און זיין פֿרעהליך, אַז ניט, לאָזט דיר דער מאָגען בײנאַכט ניט צורוה, דיזער פֿאָטער פֿון טרויעריגקייט.

זעהר וויינינגע וויסען דערפֿון, נאָר מען דאַרף האָבען אַלע טו־גענדען, כדי מען זאָל קענען גוט שלאָפֿען. וועל איך זאָגען פֿאַלשע עדות? וועל איך זינדיגען מיט מיין חבר׳ס וויב?

וועט זיך מיר געלוסטען מיין שכן׳ס דיענסט? אָט דאָס אַלעס וואָלט זיך ניט גוט פֿערטראָגען מיט אַ גוטען שלאָף.

און אפילו ווען מען האָט שוין אַלע טוגענדען, דאַרף מען נאָך עפּעס פֿערשטעהן: זיי צו לייגען שלאָפֿען אין דער ריכטיגער צייט.

אַז זיי זאָלען זיך ניט קריגען צווישען זיך, די ליעבינקע ווײ־בעלאַך! איבער דיר, דו שלים־מזל!

פֿריעדען מיט גאָט און פֿריעדען מיט דיין שכן — אָט דאָס בעגעהרט דער גוטער שלאָף. און פֿריעדען מיט דעם שכן׳ס טייוועל, אַז ניט, קומט ער דיך שרעקען ביי נאַכט.

רעספּעקט פֿאַר דער עפֿענטליכער מאַכט און געהאָרכזאַמקייט, אפילו ווען עס איז אַ קרומע מאַכט. אָט דאָס בעגעהרט דער גוטער שלאָף. וואָס בין איך שולדיג, אַז די מאַכט האָט ליעב צו געהן אויף קרומע פֿיס?

אָט דער איז פֿאַר מיר דער בעסטער פּאַסטוך, וואָס פֿיהרט זיין שעפּס אויף דער גרינסטער לאָנקע: ווייל דאָס בעגעהרט דער גוטער שלאָף.

כ׳פֿערלאַנג ניט פֿיעל כבוד און גרויסע עשירות, ווייל דאָס איז שעדליך פֿאַר דער מילץ. אָבער עס שלאָפֿט זיך שלעכט אָהן אַ גו־טען נאָמען און אַ קליין פֿערמעגען.

אַ קליינע געזעלשאַפֿט איז מיר ליעבער, איידער אַ שלעכטע, נאָר מיינע פֿריינד מוזען קומען און אַוועקגעהן אין דער ריכטיגער צייט. אָט דאָס איז נייטיג פֿאַר אַ גוטען שלאָף.

כ׳האָב אויך ליעב די יעניגע, וואָס זיינען אָרעם אין גייסט, ווייל זיי העלפֿען מיט צו פֿעשלעפֿערן. גליקליך זיינען זיי, איבערהויפּט, אַז מען גיט זיי שטענדיג גערעכט.

אָט אַזוי געהט אַריבער דער טאָג פֿון די גוטע און גערעכטע.

און ווען עס קומט אָן די נאַכט, היט איך זיך אויס צו רופֿען דעם שלאָף, ווייל ער וויל ניט, מען זאָל איהם רופֿען, דער שלאָף, דער אויבער־האַרר פֿון אַלע טוגענדען.

איך דיינק איבער, וואָס איך האָב געטהאָן און געטראַכט ביי טאָג. איבערקייענדיג די געדאַנקען, פֿרעג איך זיך געדולדיג ווי אַ קוה: וועלכע זיינען דאָס געווען מיינע צעהן ענטזאַגונגען?

און וועלכע זיינען דאָס געווען מיינע צעהן אויסגלייכונגען, און מיינע צעהן וואַהרהייטען און מיינע צעהן געלעכטערם, מיט וועלכע מיין האַרץ האָט זיך ערקוויקט?

אָט אַזוי קלעהרענדיג און איינגעוויגט פֿון פֿערציג געדאַנקען פֿאַלט אויף מיר צולעצט אָן דער שלאָף, דער אונגעבעטענער, דער אויבער־האַרר פֿון אַלע טוגענדען.

דער שלאָף גלעט מיר מיין אויג, און עס הויבט אָן שווער צו ווע־רען, דער שלאָף בעריהרט מיר די ליפּען און מיין מויל בלייבט אָפֿען.

באמת, אויף די שפּיץ פֿינגער קומט ער צו מיר, דער אַנגע־נעהמסטער פֿון אַלע גנבים, ער גנב'ט פֿון מיר אַוועק מיינע געדאַנ־קען און איך בלייב שטעהען אַזוי דום ווי דיזע קאַטהעדראַ.

אָבער ניט לאַנג בלייב איך אַזוי שטעהן: און באַלד ליעג איך שוין. —

אַז צאַראַטהוסטראַ האָט אויסגעהערט דעם חכם'ס רייד, האָט ער געלאַכט צו זיך אַליין, ווייל עס האָט זיך איהם בעוויזען אַ נייעס ליכט. און ער האָט צו זיין האַרץ אַזוי געזאָגט:

אַ גרויסער נאַר איז ער מיר, דיזער חכם מיט זיינע פֿערציג געדאַנקען: נאָר איך דיינק, אַז ער פֿערשטעהט ווירקליך, ווי אַזוי צו שלאָפֿען.

ס'איז אַ גליק צו זיין אַ שכן פֿון אָט דיזעם חכם! פֿון אַזאַ שלאָף קען מען זיך אָננעהמען, אפילו דורך אַ דיקע וואַנד קען מען זיך אָננעהמען.

אַ כשוף שטעקט אין זיין קאַטהעדראַ, און ניט אומזיסט זיינען געזעסען זיינע תלמידים אַרום דעם טוגענד־פּריידיגער.

זיין חכמה איז: לאַנג וואַכען, אַז מען זאָל נאָך דעם קענען גוט שלאָפֿען. און באמת, ווען דאָס לעבען וואָלט קיין שום זין ניט

געהאַט, און איך וואָלט מיר בעדאַרפֿט אויסקלייבען אַן אונזין, דאַן וואָל'ט איך זיכער אויסגעקליבען דעם חכם'ם אונזין.

אַט איצט פֿערשטעה איך, וואָס מען האָט דאָס אייגענטליך געזוכט, ווען מען האָט געזוכט לעהרער פֿון דער טוגענד. אַ גוטען שלאָף האָט מען געזוכט און אַנגענעהמע טוגענדען.

אַט פֿאַר דיזע אַלע גרויסע חכמים אויף די קאַטהעדראָס איז די חכמה געווען אַ שלאָף אָהן חלומות. קיין בעסערען זין פֿון'ם לע־בען האָבען זיי ניט פֿערשטאַנען.

נאָך היינט צו טאָג געפֿינען זיך נאָך עטליכע פֿון דיזער טו־גענד־פּריידיגער, נאָר ניט אימער זיינען זיי אַזוי עהרליך. אָבער זייער צייט איז אַריבער. ניט לאַנג וועלען זיי נאָך שטעהן, און זיי וועלען שוין ליעגען. —

געבענשט זיינען די שלעפֿערדיגע, ווייל באַלד וועלען זיי איינ־דרעמלען. —

אַזוי האָט גערעדט צאַראַטהוסטראַ.

מְכַּחַ די הינטער־וועלטיגע.

אַמאָל האָט אויך צאַראַטהוסטראַ'ס פֿאַנטאַזיע געשוועבט אויף יענער זייט וועלט, אַזוי ווי עס פּאַסירט מיט אַלע הינטער-וועלטיגע. און די וועלט האָט זיך מיר פֿאָרגעשטעלט ווי דאָס ווערק פֿון אַ געפּייניגטען און געקוועלטען גאָט.

ווי אַ חלום האָט מיר אויסגעזעהן די וועלט, ווי דאָס געדיכט פֿון אַ גאָט; אַ קאָלירטער רויך פֿאַר די אויגען פֿון אַ געטליכען אונצופֿריעדנעם.

און גוט און שלעכט, און לוסט און שמערץ, און איך און דו — דאָס אַלעס האָט זיך מיר אויסגעוויזען ווי אַ קאָלירטער רויך פֿאַר די אויגען פֿון אַ בעשעפֿער. ס'איז איהם נמאס געוואָרען פֿאַר זיך אַליין, דעם בעשעפֿער — דערפֿאַר האָט ער בעשאַפֿען די וועלט.

אַ פֿער'שכור'טער חלום איז עס פֿאַר דעם ליידענדען, ניט צו זעהן זיינע ליידען און צו פֿערגעסען זיך אין אַלעס. אַ פֿער'שכור'־טער חלום, אַ פֿערגעסען זיך אין זיך אַליין, אַזוי האָט מיר אַמאָל אויסגעוויזען די וועלט.

אָט דיזע וועלט, די אייביג אונפֿאָלקאָמענע, די אָבשפּיגלונג פֿון אַן אייביגען ווידערשפּרוך, אַן אונפֿאָלקאָמענע אָבשפּיגלונג — אַ פֿער'שכור'טער חלום פֿון איהר אונפֿאָלקאָמענעם בעשאַפֿער :— אַזוי האָט מיר אַמאָל אויסגעוויזען די וועלט.

אָט אַזוי האָט אויך מיין פֿאַנטאַזיע אַמאָל געשוועבט אויף יע־

נער זייט וועלט, אויף יענער זייט פון'ם מענשען, ווי די פאנטאזיע פון אלע הינטער־וועלטיגע. איז דאסווירקליך געווען אויף יענער זייט פון'ם מענשען?

אך, מיינע ברידער, דער גאט, וועלכען איך האב בעשאפען, איז גע־וועזען א מענשליך ווערק און א מענשליכער וואהנזין, ווי אלע אנדע־רע געטער!

א מענש איז ער געווען און דערצו אן ארעם מענשעלע: פון מיין אייגענער אש, פון מיינע ברענענדע פונקען איז ער ארויסגע־וואקסען דיזער שד; און באמת, ער איז ניט געקומען צו מיר פון יענער וועלט!

און וואס איז געשעהען, מיינע ברידער? איך האב זיך אליין בעזיעגט, מיך, דעם ליידענדען; כ'האב געטראגען מיין אייגענע אש בארג־ארויף, א העלערען פלאם האב איך מיר אויסגעפונען. און דער שד איז פון מיר פערשוואונדען געווארען!

היינט וואלט עס געווען פאר מיר א שמערץ, א שמערץ פאר דעם, וואס איז גענעזען געווארען, צו גלויבען אין אזעלכע שדים. א שמערץ וואלט עס פאר מיר איצט געווען און אן ערנידעריגונג — אט אזוי רייד איך צו די הינטער־וועלטיגע.

שמערץ איז עס געווען, שמערץ און אונפעהיגקייט — אט זיי האבען בעשאפען אלע הינטערשטע וועלטען. שמערץ און אונפעהיג־קייט און יענער קורצער וואהנזין פון גליק, וועלכען דער אונגליק־ליכסטער קען נור פיהלען.

שוואכקייט איז עס געווען, א שוואכקייט, וועלכע וויל דערגרייכען מיט איין שפרונג דאס לעצטע ציעל, מיט א פערצווייפעלטען שפרונג, אן ארעמע, אונוויסענדע שוואכקייט, וועלכע האט אפילו ניטמעהר קיין ווילען — זי האט דאס בעשאפען אלע געטער און הינטערשטע וועלטען.

גלויבט מיר, מיינע ברידער, ס'איז געווען דער גוף, וועלכער האט זיך מיאש געווען פון'ם גוף, — און ער האט ארומגעטאפט מיט די פינגער פון'ם פערנארישטען גייסט אויף די לעצטע ווענד.

גלויבט מיר, מיינע ברידער, ס'איז דער גוף, וועלכער האט זיך מיאש געווען פון דער ערד, — און דאמאלסט האט ער דער־הערט, אז גאט, דער בויך פון'ם זיין, רעדט צו איהם.

און ער האָט געוואָלט איינברעכען מיט'ן קאָפּ די לעצטע ווענד, און ניט בלויז מיט'ן קאָפּ, אין גאַנצען האָט ער געוואָלט אַריבער אין „יענע וועלט."

אָבער „יענע וועלט" איז גוט בעהאַלטען פאַר'ן מענשען, יענע גרוויזאַמע, אונמענשליכע וועלט, וועלכע איז ניט מעהר ווי אַ הימלי-שעס גאָרנישט. און גאָט רעדט איבערהויפּט ניט צום מענשען, סיי-דען אַלס מענש.

באמת, שווער איז צו בעווייזען אַלעס וואָס עקזיסטירט און שווער צו מאַכען עס ריידענדיג. זאָגט מיר, מיינע ברידער, איז ניט דאָס וואונדערליכסטע פון אַלע ערשיינונגען בעוויזען געוואָרען אַם בעסטען?

יאָ, דאָס איך און דעם איך'ס ווידערשפּרוך און כאַאָס, אָט דאָס דערצעהלט אונז נאָך אַם עהרליכסטען פון זיין עקזיסטענץ, דאָס שאַפענדע, וועלענדע און ווערטה-ברייננענדע איך, די מאָס און דער ווערטה פון אַלע ערשיינונגען.

און אָט דאָס עהרליכע זיין, דאָס איך, עס רעדט פון'ם גוף, און עס ליעבט דעם גוף, אפילו ווען עס דיכטעט און פאַנטאַזירט און פלאַטערט אַרום מיט צובראָכענע פליגעל.

אַלץ עהרליכער לערנט עס זיך רעדען, דאָס איך, און וואָס מעהר עס לערנט, אַלץ מעהר ווערטער געפינט עס, אום כבוד אָב-צוגעבען דעם גוף און דער ערד.

אַ נייעס שטאָלץ האָט עס מיר געלערנט, מיין איך, און דיזען שטאָלץ לערן איך די מענשען: שטעקט ניט אַריין דעם קאָפּ אין דעם זאַמד פון הימלישע זאַכען, טראָגט איהם בעסער פריי און שטאָלץ, דיזען קאָפּ פון דער ערד, וועלכער גיט דער ערד און דעם לעבען פון דער ערד אַ צוועק!

אַ נייעס ווילען לערן איך די מענשען: צו וועלען געהן דיזען וועג, וועלכען דער מענש איז געגאַנגען בלינדערהייט, צו רעכטפער-טיגען דיזען וועג און זיך מעהר ניט אַרויסמאַכען און זיך אָבקעה-רען אָן אַ זייט ווי די קראַנקע און אָבשטאַרבענדע!

קראַנקע און אָבשטאַרבענדע זיינען דאָס געווען, וואָס האָבען פעראַכטעט דעם גוף און די ערד און אויסגעטראַכט הימלישע וועל-

טען און מאַרטירער־בלוט; אָבער אפילו דיזע זיסע און פינסטערע גיפטען האָבען זיי גענומען פון׳ם גוף און פון דער ערד.

אַנטלויפען האָבען זיי געוואָלט פון זייערע צרות, נאָר די שטע־רען זיינען פאַר זיי צו ווייט געווען, און זיי האָבען געזיפצט: „אַך, ווי גוט דאָס וואָלט געווען צו האָבען הימלישע וועגען; וואָלט מען זיך געקענט אַריינ׳גנב׳ענען אין אַן אַנדער וועלט און אין אַן אַנדער גליק!” אָט דאָ האָבען זיי אויסגעפונען זייערע הינטער־וועגען און זייערע בלוטיגע טרעפלאַך!

און זיי האָבען זיך איינגערעדט, אַז זיי האָבען זיך אַרויסגע׳גנב׳עט פון זייער גוף און פון דער ערד, די אונדאַנקבאַרע בע־שעפענישען. אָבער וועמען האָבען זיי צו פערדאַנקען דאָס אַרויס־באַפען זיך, זייער קראַמף און לוסט? זייער גוף און דיזער ערד?

צערטליך איז צאַראַטהוסטראַ צו די קראַנקע. באמת, ער איז ניט בייז אויף זייערע מאָדעס פון טרייסט און אונדאַנקבאַרקייט. זאָלען זיי גענעזען ווערען און איבערטראָגען דעם איבעל און זיך בעשאַפען אַ בעסערן גוף!

צאַראַטהוסטראַ איז אויך ניט בייז אויף דעם, וואָס איז שוין גענעזען, ווען ער קוקט מיט צערטליכקייט אויף זיין טעות און געהט אין מיטען נאַכט אויף די שפיץ פינגער צום קבר פון זיין גאָט: אָבער אפילו זיינע טרעהרען זיינען פאַר מיר נאָך אַ קראַנק־הייט און טראָפענס פון אַ קראַנקען גוף.

עס זיינען שטענדיג געווען פיעלע חולאים צווישען די, וואָס דיכטען און זוכען גאָט. שרעקליך פערהאַסען זיי דעם וויסענדען און די יונגסטע פון אַלע טוגענדען, וואָס רופט זיך עהרליכקייט.

צוריק קוקען זיי שטענדיג אין פינסטערע צייטען: נאָר דאַ־מאָלסט איז די אילוזיע און דער גלויבען געווען אַן אַנדער זאַך; דאַמאָלסט האָט מען געזעהן אין׳ם וואַהנזין פון דער פערנונפט אַן עהנליכקייט מיט גאָט, און צווייפלען איז געווען אַ זינד.

אַך, איך קען זיי צו גוט, די גאָט־עהנליכע: זיי ווילען, מען זאָל אין זיי גלויבען, און צווייפלען איז פאַר זיי אַ זינד. איך וויים אויך צו גוט, אָן וואָס זיי גלויבען אַליין אָם בעסטען.

באמת, ניט אין הינטערשטע וועלטען און מאַרטירער־בלוט

גלויבען זיי; אויך פֿאַר זיי איז דער גוף דאָס העכסטע, און זייער אייגענער גוף ווייזט זיך זיי אויס אַלס די פֿערקערפּערונג פֿון אַלעס, וואָס עקזיסטירט.

אָבער אַ פֿערקריינקטע זאַך איז ער פֿאַר זיי, דער גוף, און עס וואָלט זיך זיי זעהר געוואָלט אַרויסשפּרינגען פֿון דער הויט. אָט דערפֿאַר הערען זיי זיך צו צו די פּריידיגער פֿון'ם טויט און פּריידיגען אַליין פֿון הינטערשטע וועלטען.

אָך, מיינע ברידער, הערט זיך בעסער צו צו דער שטימע פֿון'ם געזונדען גוף; ס'איז אַן עהרליכע און אַ ריינע שטימע.

עהרליכער און ריינער רעדט דער געזונדער גוף, דער פֿאָל-קאָמענער און מענליכער גוף: מכח דעם זינן פֿון דער ערד רעדט ער צו אייך. —

אַזוי האָט געזאָגט צאַראַטהוסטראַ.

מכה די. וואס פעראכטען דעם גוף.

צו די פעראכטער פון'ם גוף וויל איך רעדען א ווארט. ניט איבערבייטען זאלען זיי דאס, וואס זיי לעהרען און לערנען, נאר צו-שיידען זאלען זיי זיך מיט זייער אייגענעם גוף, כדי זייערע מיילע-זאלען מעהר ניט קענען רעדען.

„א גוף און א נשמה בין איך" — אזוי זאגט דאס קינד. און פאר וואס זאל מען טאקי ניט זאגען ווי די קינדער?

אבער דער ערוואכטער, דער וויסענדער זאגט: גוף בין איך, אין גאנצען גוף און ניט מעהר; און די נשמה איז ניט מעהר ווי א ווארט פאר א טהייל פון'ם גוף.

דער גוף איז א גרויסע פערנונפט, א פיעל-זייטיגע זאך מיט איין איינציגען זין, א קריעג און א פריעדען, א סטאדע און א פאסטוך.

אפילו דיין קליינער שכל, וועלכען דו רופסט „גייסט", מיין ברודער, איז אויך ניט מעהר ווי א ווערקצייג פון דיין גוף, א קליין שפיעלכעל פון דיין גרויסער פערנונפט.

„איך!" זאגסט דו און ביזט שטאלץ אויף דיזען ווארט. אבער עס ניט נאך א גרעסערע זאך — אין וואס דו ווילסט ניט גלויבען — דיין גוף און זיין גרויסע פערנונפט: זי זאגט ניט „איך", נאר זי האנדעלט אלץ „איך".

דאס, וואס מען דערפיהלט מיט די חושים און דערקענט מיט'ן גייסט, דאס ענדיגט זיך קיינמאל ניט אין זיך אליין. אבער די חושים

און דער גייסט ווילען דיך איבעררײדען, אַז זיי זיינען דער סוף פֿון אַלצדינג, וואָס עקזיסטירט — אַזוי פֿיעל האַלטען זיי דאָס פֿון זיך.

אַ ווערקצייג און אַ שפּיעלכעל זיינען די חושים און דער גייסט: אונטער זיי ליעגט נאָך בעהאַלטען דאָס זעלבסט. און אפילו דאָס זעלבסט זוכט מיט די אויגען פֿון די חושים און הערט מיט די אויערען פֿון'ם גייסט.

שטענדיג זוכט דאָס זעלבסט, שטענדיג הערט עס זיך אונטער: עס פֿערגלייכט, ערקעמפּפֿט, צווינגט, צושטעהרט. עס הערשט און בעהערשט אויך דאָס איך.

הינטער דיינע געדאַנקען און געפֿיהלען, מיין ברודער, שטעהט אַ מעכטיגער הערשער, אַן אונבעקאַנטער חכם, וועלכער רופֿט זיך זעלבסט. אין דיין גוף וואוינט ער און ער איז דיין גוף.

גלויב מיר, עס איז דאָ מעהר פֿערשטאַנד אין דיין גוף, איי־דער אין דיינע בעסטע חכמות, און ווער קען וויסען, צו וואָס דיין גוף האָט נייטיג דיינע בעסטע חכמות?

דיין זעלבסט לאַכט זיך אויס פֿון דיין איך און זיינע שטאָלצע שפּרונגען. „וואָס זיינען מיר דיזע שפּרונגען און דער פֿליהען פֿון'ם געדאַנק?" אַזוי פֿרעגט עס זיך אַליין. „אַן אומוועג צו מיין צוועק. איך בין דאָס שטריקעל, ביי וועלכען מען פֿיהרט דאָס איך, דער, וואָס שושקעט איהם אַריין זיינע פֿאָרשטעלונגען און בעגריפֿען".

דאָס זעלבסט זאָגט צום איך: „אָט דאָ פֿיהל איך ווייטאָג!" און דאָס איך הויבט אָן ליידען און דיינקט נאָך, ווי אַזוי עס זאָל מעהר ניט ליידען — און אַזוי זאָל עס דיינקען.

דאָס זעלבסט זאָגט צום איך: „אָט דאָ פֿיהל איך פֿערגני־גען!" און דאָס איך הויבט זיך אָן צו פֿרייען און דיינקט נאָך, ווי אַזוי עס קען זיך נאָך מעהר פֿרייען — און אַזוי זאָל עס דיינקען.

צו די פֿעראַכטער פֿון'ם גוף וויל איך ריידען אַ וואָרט. מיט זייער פֿעראַכטען דעם גוף, אַכטען זיי איהם. וואָס איז דאָס אַזוינס, וואָס שאַפֿט אַכטען און פֿעראַכטען און ווערטה און ווילען?

דאָס שאַפֿענדע זעלבסט האָט זיך אַליין בעשאַפֿען דאָס אַכטען און פֿעראַכטען, די לוסט און דעם ווייטאָג. דער שאַפֿענדער גוף האָט בעשאַפֿען פֿאַר זיך דעם גייסט אַלס אַ האַנד פֿון זיין ווילען.

אפילו אין אייער נאַרישקייט און פֿעראַכטונג, איהר פֿעראַכטער פֿון'ם גוף, זייט איהר די שקלאַפֿען פֿון אייער זעלבסט. איך זאָג אייך: אייער זעלבסט וויל שטאַרבען און דערפֿאַר קעהרט עס זיך אָב פֿון לעבען.

עס קען מעהר ניט אויספֿיהרען זיין טהייערסטען וואונש: — צו שאַפֿען עפּעס העכערעס פֿון זיך אַליין. אָט דאָס איז זיין הייליגסטער וואונש, זיין אינערליכסטער פֿערלאַנג.

אָבער עס האָט זיך פֿערשפּעטיגט מיט דיזען וואונש:—און דערפֿאַר וויל אייער זעלבסט אונטערגעהן, איהר פֿעראַכטער פֿון'ם גוף.

אונטערגעהן וויל אייער זעלבסט, און דעריבער זייט איהר געוואָרען פֿעראַכטער פֿון'ם גוף! ווייל איהר זייט מעהר ניט פֿעהיג צו שאַפֿען עפּעס העכערעס פֿון זיך.

אָט דערפֿאַר זייט איהר דאָס בייז אויף'ן לעבען און אויף דער ערד. גלויבט מיר, עס ליעגט אַן אונבעוואוסטע קנאה אין דעם קרומען בליק פֿון אייער פֿעראַכטונג.

איך געה ניט אויף אייער וועג, איהר פֿעראַכטער פֿון'ם גוף! איהר זייט פֿאַר מיר ניט קיין בריקען, וואָס פֿיהרען צום איבערמענשען! —

אַזוי האָט געזאָגט צאַראַטהוסטראַ.

מכּת דער פרעהליכקייט און די ליידענשאפטען.

מיין ברודער, אויב דו האָסט אַ טוגענד, און עס איז דיין איי־גענע טוגענד, האָסט דו זי מיט קיינעם ניט בשותפות.

פערשטעהט זיך, דו ווילסט איהר אָנרופען ביי'ן נאָמען און איהר גלעטען: דו ווילסט איהר אַ קניפּ טהאָן אין בעקעל און זיך שפּיעלען מיט איהר.

אָבער ווען דו טהוסט אַזוי, דאַן האָסט דו איהר נאָמען בשותפות מיט'ן פאָלק און ביסט אַליין געוואָרען פאָלק און סטאַדע צוזאַמען מיט דיין טוגענד!

עס וואָלט פיעל בעסער געוועזען, ווען דו וואָלסט געזאָגט: „איך געפין ניט קיין אויסדרוק און קיין נאָמען פאַר דאָס, וואָס איז דער שמערץ און די זיסקייט פון מיין נשמה און זאָגאָר נאָך דער הונגער פון מיינע געדערים".

דיין טוגענד דאַרף ביי דיר שטעהן צו הויך, אַז דו זאָלסט פאַר איהר דאַרפען אַ נאָמען: און ווען דו מוזט שוין יאָ פון איהר רע־דען, דאַן שעהם זיך ניט צו שטאַמלען פון איהר.

אַזוי רייד און שטאַמעל: „אָט דאָס איז מיין גוטס, אָט דאָס ליעב איך, אַזוי געפעלט עס מיר, נור אַזוי וויל איך דאָס גוטע.

„איך וויל ניט מיין גוטס אַלס אַ געזעץ פון גאָט, איך וויל עס ניט אַלס אַ בעשטימונג און נויטווענדיגקייט פון די מענשען. עס זאָל פאַר מיר ניט זיין קיין וועג־ווייזער צו יענער וועלט, קיין וועג־ווייזער צום גן עדן.

„אַן אירדישע טוגענד איז מיין טוגענד: ווייניג חכמה איז אין איהר און נאָך ווייניגער דער שכל פון אַלעמען.

„אָבער דיזער פויגעל האָט געבויט זיין נעסט ביי מיר: אָט דערפאַר ליעב איך איהם אַזוי שטאַרק, — און אָט אַזוי זיצט עד ביי מיר אויף זיינע גאָלדענע אייער."

אַזוי זאָלסט דו שטאַמלען און לויבען דיין טוגענד.

אַמאָל האָסט דו געהאַט ליידענשאַפטען און זיי אָנגערופען שלעכט. איצט האָסט דו מעהר ניט ווי דיינע טוגענדען, וועלכע זיינען אַרויסגעוואַקסען פון דיינע ליידענשאַפטען.

דיין העכסטען ציעל האָסט דו אָנגעטרויט דיינע ליידענשאַפטען: אַזוי זיינען זיי געוואָרען דיינע טוגענדען און דיין פרייד.

און אפילו ווען דו ביזט אַרויסגעקומען פון'ם דור פון די גרעסטע כעסנים, אָדער פון די ליידענשאַפטליכע, אָדער פון די פאַנאַטישע, אָדער פון די בעלי-נקמות: —

צולעצט האָבען זיך דיינע אַלע ליידענשאַפטען איבערגעביטען אויף טוגענדען און דיינע אַלע טייוואָלים אויף מלאכים.

אַמאָל האָסט דו געהאַט אין דיין קעלער ווילדע הינט; אָבער צולעצט האָבען זיי זיך איבערגעביטען אויף פייגעל און ליעבליכע זינגערינען.

פון דיינע גיפטען האָסט דו דיר געברויט דיין באַלזאַם: דו האָסט געמאָלקען דיין קוה: טרויעריגקייט — איצט טרינקסט דו די זיסע מילך פון איהר אייטער.

איצט וואַקסט פון דיר מעהר ניט אַרוים קיין שלעכטס, סיידען דאָס שלעכטס, וואָס וואַקסט אַרוים פון'ם קאַמפף פון דיין טוגענד.

מיין ברודער, אויב דו ביזט מזל'דיג, האָסט דו נור איין טוגענד און ניט מעהר: אָט אַזוי געהסט דו לייכטער אַריבער די בריק.

ס'איז מעהר כבוד צו האָבען פיעלע טוגענדען, אָבער אַ פינסטערער מזל איז עס; און מאַנכער איז געגאַנגען אין מדבר און האָט זיך אַליין דעם טויט געמאַכט, ווייל עס איז איהם נמאס געוואָרען צו זיין אַ שלאַכט און אַ שלאַכטפעלד פון דער טוגענד.

זאָג מיר, מיין ברודער, איז קריעג און שלאַכט אַ שלעכטע זאַך? אָבער נויטווענדיג איז דאָס שלעכטס, נויטווענדיג איז די קנאה,

דאָס ניט געטרויען און די פֿערלוימדונגען צווישען דיינע טוגענדען׃ זעה נאָר, ווי יעדע פֿון דיינע טוגענדען בענעהרט דאָס העכס־טע׃ זי וויל דיין גאַנצען גייסט, ער זאָל זיין איהר שליח, זי וויל דיין גאַנצע קראַפֿט פֿון צאָרן, האַס און ליעבע.

מקנא איז איין טוגענד דער אַנדערער; און גלויב מיר, אַ שרעקליכע זאַך איז קנאה. אויך טוגענדען קענען געהן צו גרונדע דורך קנאה.

ווען עס רינגעלט אַרום דער פֿלאַם פֿון קנאה, דער ווענדעט צולעצט, אַזוי ווי דער סקאָרפּיאָן, געגען זיך אַליין דעם גיפֿטיגען שטאַכעל.

אַך, מיין ברודער, האָסט דו נאָך קיינמאָל ניט געזעהן אַ טו־גענד, וואָס האָט פֿערלוימדעט זיך אַליין און זיך געמאַכט דעם טויט?

דער מענש איז אַ זאַך, וואָס מוז בעזיעגט ווערען: אָט דער־פֿאַר זאָלסט דו ליעבען דיינע טוגענדען — ווייל דורך זיי ווערסט דו אונטערגעהן.

אַזוי האָט געזאָגט צאַראַטהוסטראַ.

מכח דעם בלייכען פערברעכער.

איהר האָט ניט דעם מוטה צו טויטען, איהר ריכטער און אָפּפער־בריינגער, איידער די חיה האָט ניט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ? זעהט נאָר, ווי דער בלייכער פערברעכער שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ: פון זיינע אויגען קוקט אַרויס די גרויסע פעראַכטונג.

„מיין איך איז אַן עפּעס, וואָס דאַרף נאָך בעזיעגט ווערען: מיין איך איז פאַר מיר די גרויסע פעראַכטונג פון'ם מענשען" — אַזוי רעדט עס אַרויס פון דיזע אויגען.

ער האָט זיך אַליין גע'משפט, און דאָס איז געווען זיין העכס־טער מאָמענט: לאָזט ניט דעם ערהאַבענעם צוריק אַרונטערפאַ־לען אין דער נידעריגקייט!

עס גיט קיין ערלייזונג פאַר דעם, וועלכער ליידט פון זיך אַליין, סיידען אַ גיכער טויט.

אייער משפט, איהר ריכטער, זאָל זיין אַ מיטלייד און ניט קיין נקמה; און טויטענדיג האָט איהר זינען צו רעכטפאַרטיגען דאָס לעבען!

עס איז ניט גענוג, וואָס איהר בעט מחילה דעם, וועלכען איהר געהט טויטען: אין אייער טרויריגקייט זאָל זיך אויסדריקען אייער ליעבע צום איבערמענשען — אָט אַזוי רעכטפאַרטיגט איהר אייער נאָך־לעבען.

„שונא" זאָלט איהר זאָגען, אָבער נים „אויסוואורף"; „קראַנקער" זאָלט איהר זאָגען, אָבער ניט „שופט"; „נאַר" זאָלט איהר זאָגען, אָבער נים „זינדיגער".

און דו, רויטער ריכטער, ווען דו וואָלסט אָפען אַרויסגעזאָגט אַלעס, וואָס דו האָסט שוין אָבגעטהאָן אין דיינע געדאַנקען, דאַן וואָלט יעדערער געשריען: „ראַמט אַוועק דיזען אויסוואורף, דעם גיפטיגען וואָרים!"

אָבער עפּעס אַנדערש איז דער געדאַנק, עפּעס אַנדערש איז די טהאַט און עפּעס אַנדערש איז דאָס בילד פון דער טהאַט.

אַ בילד האָט בלייך געמאַכט אָט דיזען בלייכען מענשען. גלייך איז ער געווען מיט זיין טהאַט, ווען ער האָט איהר בעגאַנגען; אָבער איהר בילד האָט ער נים געקענט פּערטראָגען, נאָך דעם, ווען ער האָט איהר בעגאַנגען.

שטענדיג האָט ער זיך געזעהן אַלס דעם בעגעהער פון זיין טהאַט. וואַהנזין רוף איך דאָס: די אויסנאַהמע האָט זיך איהם פאַרגעשטעלט אַלס דער נאָרמאַלער צושטאַנד פון זיין לעבען.

דער ווייסער שטריך שטעלט אָב די הוהן; זיין טהאַט האָט אָבגעשטעלט זיין אָרעמען פערשטאַנד — דעם וואַהנזין נאָך דער טהאַט רוף איך דאָס.

הערט נאָר, איהר ריכטער! ס'איז נאָך פאַרהאַן אַן אַנדער וואַהנזין: דער וואַהנזין בעפאָר דער טהאַט. אַך, איהר זייט מיר נים גענוג אַריינגעקראָכען אין דיזער נשמה!

אַזוי זאָגט דער רויטער ריכטער: „וואַרום האָט ער געמערדעט, דיזער פערברעכער? ער האָט געוואָלט בערויבען." אָבער איך זאָג אייך: זיין נשמה האָט געוואָלט זעהן בלוט, נים רויבען: ער איז געווען דורשטיג צו געניסען דאָס גליק פון'ם מעסער!

אָבער זיין אָרעמער פערשטאַנד האָט ניט געקענט בעגרייפען דיזען וואַהנזין און האָט איהם איבערגערעדט. „וואָס פאַר אַ ווערטה האָט בלוט?" האָט ער געזאָגט; „ווילסט דו נים כאָטש בערויבען דיין קרבן? ווילסט דו נים נעהמען נקמה?"

און ער האָט זיך צוגעהערט צו זיין אָרעמען פערשטאַנד: שווער ווי אַ בליי זיינען די ווערטער געלעגען אויף איהם, — און אַזוי האָט

ער אויך גערויבט, ווען ער האָט געטויטעט. ער האָט זיך ניט גע־וואָלט שעהמען מיט זיין וואהנזין.

אָט איצט ליעגט אויף איהם זיין שולד, שווער ווי אַ בליי, און זיין אָרעמער פערשטאַנד איז ווייטער אַזוי שטייף, אַזוי פערגליווערט, אַזוי שווער.

ווען ער וואָלט כאָטש געקענט שאָקלען מיט׳ן קאָפּ, דאַן וואָלט זיין לאַסט פון איהם אַרונטערגעפאַלען: אָבער ווער קען שאָקלען מיט אַזאַ קאָפּ?

וואָס איז אָט דיזער מענש? אַ באַרג פון קראַנקהייטען, וועל־כע כאַפּען זיך דורכ׳ן גייסט אַריין אין דער וועלט, אום אויפצוזוכען זייערע אָפּפער.

וואָס איז אָט דיזער מענש? אַ קנויל פון ווילדע שלאַנגען, וועל־כע קענען זיך זעלטען פערטראָגען איינע מיט די אַנדערע — אָט קריעכען זיי אַרום איינציגווייז אין דער וועלט און זוכען זייערע אָפּ־פער.

זעהט נאָר דיזען אָרעמען גוף! אַלעס וואָס ער האָט געליטען און בעגעהרט, האָט זיין אָרעמע נשמה זיך אויסגעלייגט אויף איהר אייגענעם שטייגער: אַלס אַ מערדערישע לוסט און דעם פערלאַנג נאָכ׳ן גליק פון׳ם מעסער האָט זי עס אויסגעלייגט.

ווער עס ווערט יעצט קראַנק, דעם פאַלט אָן דאָס שלעכטס, וואָס איז איצט שלעכט: ער וויל וועה טהאָן, דערמיט וואָס ער פיהלט אַ ווייטאָג. אָבער עס זיינען געווען אַנדערע צייטען און אַן אַנדער גוטס און שלעכטס.

אַמאָל איז געווען שלעכט צו צווייפלען און צו פערטהיידיגען דעם פערלאַנג פון׳ם אייגענעם איך. דאַמאָלסט איז דער קראַנקער געווען אַן אפיקורוס און אַ מכשפה: און אַלץ אַן אפיקורוס אָדער אַ מכשפה האָט ער געליטען און געוואָלט אַנדערע מאַכען ליידען.

אָבער דאָס וויל ניט אַריין אין אייערע אויערען: עס קען שאַ־דען אייערע גוטע, זאָגט איהר. אָבער וואָס אַרען מיך אייערע גוטע!

פיעלעס פון אייערע גוטע עקעלט מיך אָב און באמת ניט זייער שלעכטס. הלואי וואָלטען זיי געהאַט אַ וואהנזין, דורך וועלכען זיי זאָלען געהן צו גרונדע, אַזוי ווי דיזער בלייכער פערברעכער!

באמת, כ׳וואָלט געוואָלט, אַז זייער וואַהנזין זאָל הייסען וואַהרהייט, אָדער טרייקייט, אָדער גערעכטיגקייט; אָבער זיי האָבען זיך זייער טוגענד, כדי זיי זאָלען לעבען לאַנג און אין אַ קליינליכער צופֿרידענהייט.

איך בין אַ געלענדער ביים שטראָם: כאַפּט מיך, ווער עס קען מיך כאַפּען! נאָר אַ קוליע פֿאַר אייך בין איך ניט. —

אַזוי האָט געזאָגט צאַראַטהוסטראַ.

מכה לעזען און שרייבען.

פֿון אַלעס געשריבענע האָב איך נור דאָס ליעב, וואָס איינער שרייבט מיט זיין אייגען בלוט. שרייב מיט בלוט, און דו וועסט זיך איבערצייגען, אַז בלוט איז גייסט.

ס'איז ניט אַזוי גרינג צו פֿערשטעהן יענעמ'ס בלוט: איך קען זיי ניט אָנקוקען, די פֿוילע לעזער.

ווער עס קען דעם לעזער, וועט מעהר ניט אַריינלייגען קיין האַנד אין קאַלטע וואַסער פֿאַר איהם. נאָך אַ יאָהר־הונדערט מיט לעזער — און דער גייסט גופא וועט אָנהויבען שטינקען.

דערפֿאַר וואָס יעדערער מעג זיך לערנען לייענען, ווערט מיט דער צייט ניט בלויז פֿערדאָרבען דאָס שרייבען, אפילו דאָס דיינקען אויך.

אַמאָל איז דער גייסט געוועזן געטליך, דאַן איז ער געוואָרען מענש־ליך און היינט ווערט ער שוין גאָר אַ צאַצקע פֿון גראָבע יונגען.

ווער עס שרייבט משלים און מיט בלוט, דער וויל ניט מען זאָל איהם בלויז לייענען, נאָר ער פֿערלאַנגט, אַז מען זאָל איהם לערנען אויסענווייניג.

צווישען די בערג איז דער נאָהנסטער וועג פֿון איין שפּיץ באַרג אויפ'ן אַנדערן: אָבער צו דעם דאַרפֿס דו האָבען לאַנגע פֿיס. משלים דאַרפֿען זיין אַזוי ווי די שפּיצען פֿון די בערג: און די, צו וועמען מען רעדט דאַרפֿען זיין גרויסע און הויך־געוואַקסענע.

די לופט דין און ריין, די געפאהר גאהנט און דער גייסט פול מיט א פרייליכער בייזקייט: אזוי דארף דאס זיין.

כ'וויל האבען שדים ארום זיך, ווייל איך האב מוטה. א מוטה וואס פערטרייבט די רוחות, בעשאפט זיך אליין שדים, כדי ער זאל זיך קענען אויסלאכען פון זיי.

איך פיהל ניט מעהר מיט אייך: אט דיזען וואלקען, וועלכען איך זעה אונטער זיך, אט דיזע שווארצקייט און שווערקייט, פון וועל-כע איך לאך זיך אויס, — גראדע דאס איז דער וואלקען, וועלכער ברייגגט אייך שטורם.

איהר קוקט ארויף, ווען איהר ווילט ערהויבען ווערען. איך קוק אראב, ווייל איך בין ערהויבען.

ווער פון אייך קען לאכען און ערהויבען זיין אין דערזעלבער צייט?

ווער עס קלעטערט ארויף אויף די העכסטע בערג, לאכט זיך אויס פון אלע טרויער־שפיעלען און פון יעדער טרויעריגער ערנסטקייט.

מוטהיג, אהן זארגען, שפאטיש, גוואלטזאם — אט אזוי ליעבט אונז די חכמה: די חכמה איז א ווייב און האט נור ליעב א קריעגס־מאן.

איהר דערצעהלט מיר, אז „דאס לעבען איז שווער צו דער-טראגען." אבער צו וואס האט איהר דאס אין דער פריה אייער שטאלץ און אויף דער נאכט אייער צופריעדענהייט?

„דאס לעבען איז שווער צו דערטראגען": אבער מאכט זיך נאר ניט אזוי צערטליך! מיר זיינען אלע גוט אנגעלאדענע אייזלען און אייזעלטעס.

וואס קעהרען מיר זיך אן מיט דער רויז, וועלכע ציטערט, ווייל עס ליעגט איהר א טראפען טהוי אויף'ן לייב?

אמת, מיר ליעבען ניט דאס לעבען, ווייל מיר זיינען געוואוינט צו לעבען, נאר ווייל מיר זיינען געוואוינט צו ליעבען.

אין דער ליעבע איז שטענדיג דא אביסעל משוגעת. אבער אין א משוגעת איז אויך שטענדיג דא אביסעל פערשטאנד.

און אפילו מיר, וועלכער איז גוט צום לעבען, ווייזט זיך אויס,

אַז זומער־פֿייגעלאַך און זייפֿען־בלאָזען און וואָס עס איז עהנליך צו זיי צווישען די מענשען, ווייסען אַם מייסטען פֿון גליק.

אָט דיזע גרינגינקע, נאַרישע, שעהנינקע, לעבעדינגע נשמה'לאַך פֿערפֿיהרען צאַראַטהוסטראַ'ן צו טרעהרען און ליעדער.

איך וואָלט נור געגלויבט אין אַזאַ גאָט, וועלכער וואָלט געקענט טאַנצען.

און ווען איך האָב דערזעהן מיין טייוועל, האָב איך אויסגעפֿונען, אַז ער איז ערנסט, גרינדליך, טיעף און עהרפֿאָרכטיג: ס'איז געווען דער גייסט פֿון שווערקייט, — דורך איהם פֿאַלט אום אַלצדינג.

נים דורך צאָרן, נאָר דורך געלעכטער קען מען טויטען. קוממט, לאָמיר טויטען דעם גייסט פֿון שווערקייט!

כ'האָב זיך אויסגעלערענט געהן: און פֿון דאַמאָלסט אָן לויף איך. כ'האָב זיך אויסגעלערנט פֿליהען: און פֿון דאַמאָלסט אָן וויל איך נים, אַז מען זאָל מיך אונטערשטופּען, אום זיך צו ריהרען פֿון אָרט.

אָט איצט פֿיהל איך זיך לייכט, איצט פֿליה איך, איצט זעה איך זיך אונטער זיך, איצט טאַנצט אַ גאָט אין מיר.

אַזוי האָט געזאָגט צאַראַטהוסטראַ.

מכח דעם בוים אויף׳ן בארג.

צאַראַטהוסטראַס אויגען האָבען דערזעהן, אַז אַ יונגער מאַן האָט איהם אָבגעטראָטען דעם וועג. ווען ער איז אין אַן אָבענד אַליין געגאַנגען צווישען די בערג, וועלכע רינגלען אַרום די שטאָדט, וואָס רופט זיך די „קולירטע קוה", האָט ער פלוצלונג דערזעהן דעם־זעלבען יונגען מאַן, זיצענדיג אָנגעשפאַרט אָן אַ בוים און אַראָבקו־קענדיג מיט אַ פערמאַרטערטען בליק אין טהאָל. און צאַראַטהוסטראַ האָט אָנגענומען מיטביידע הענד דעם בוים, נעבען וועלכען דער יונגער מאַן איז געזעסען און האָט אַזוי געזאָגט:

„ווען איך זאָל וועלען טרייסלען אָט דעם בוים מיט מיינע ביידע הענד, וואָלט איך עס ניט געקענט.

„אָבער דער ווינד, וועלכען מיר זעהען ניט, אָט ער קוועלט און בויגט איהם וואוהין ער וויל. אויך מיר ווערען אָם מייסטען גע־קוועלט און געבויגען פון הענד, וועלכע מיר קענען ניט זעהן."

דערהערענדיג דיזע ווערטער, האָט זיך דער יונגער מאַן דער־שראָקען אויפגעהויבען פון דער ערד און געזאָגט: „איך הער צאַ־ראַטהוסטראַ׳ס שטימע און פונקט האָב איך געדיינקט פון איהם."

און צאַראַטהוסטראַ האָט געענטפערט:

„פאַר וואָס דערשרעקסט דו זיך? — אָבער עס געהט מיט׳ן מענשען אַזוי ווי מיט אַ בוים.

„וואָס מעהר ער שטרעבט אַרויף אין דער הויך און צו

ליכטיגקייט, אַלץ מעהר ציהען זיך זיינע וואָרצלען אַראָב אין דער ערד, אין דער פינסטערניש, אין דער טיעפקייט,—אין דאָס שלעכטע."

„יאָ, אין דאָס שלעכטע!" האָט דער יונגער מאַן אויסגעשריען. „ווי איז דאָס מעגליך, אַז דו האָסט געקענט אַריינקוקען אין מיין נשמה?"

צאַראַטהוסטראַ האָט געזאָגט מיט אַ שמייכעל: „אין מאַנכע נשמה וועט מען קיינמאָל ניט קענען אַריינקוקען, סיידען מען זאָל איהר פריהער בעשאַפען."

„יאָ, אין דאָס שלעכטע!" האָט דער יונגער מאַן נאָך אַמאָל געזאָגט.

„דו זאָגסט דעם אמת, צאַראַטהוסטראַ. איך געטרוי זיך אַליין ניט מעהר, זייט עס ווילט זיך מיר פליהען אין דער הויך, און קיי- נער געטרויט מיר מעהר ניט, — ווי אַזוי קומט עס פאָרט?

„איך בייט זיך צו שנעל איבער: מיין היינט לייקענט אָב מיין נעכטען; און אָפט שפּאַן איך אַריבער די שטופען, ווען איך געה באַרג־אַרויף, — און דאָס וועלען מיר די שטופען קיינמאָל ניט מוחל זיין.

„און ווען איך בין שוין אויבען, געפין איך זיך שטענדיג אַליין. קיינער רעדט ניט צו מיר, און דער פראָסט פון דער איינזאַמקייט מאַכט מיך ציטערן. וואָס זוך איך דאָס אין דער הויך?

„מיין פעראַכטונג און מיין בייגקעניש האַלטען אין איין וואַק- סען; וואָס העכער איך קלעטער, אַלץ מעהר פעראַכט איך דעם, וואָס קלעטערט. וואָס זוכט ער דאָס אין דער הויך?

„ווי שעהם איך זיך מיט מיין קלעטערן און אָבשלאָגען זיך! ווי לאַך איך זיך אויס פון מיין שווערען אָטהעם! ווי פערהאָס איך דעם, וואָס פליהט! ווי פערמאַרטערט פיהל איך זיך אין דער הויך!"

דאָ איז דער יונגער מאַן אַנשווייגען געוואָרען. און צאַ־אַטהוסטראַ האָט געוואָרפען אַ בליק אויף דעם בוים, נעבען וועלכען זיי זיינען ביידע געשטאַנען, און האָט אַזוי געזאָגט:

„דיזער בוים שטעהט איינזאַם דאָ אויף'ן באַרג; ער איז אויס- געוואַקסען הויך, אַריבער מענשען און חיות.

„און ווען ער וואָלט געוואָלט רעדען, וואָלט ער קיינעם ניט

נעפֿונען ווער עס זאָל איהם פֿערשטעהן: אַזוי הויך איז ער דאָס אויסגעוואַקסען.

„איצט וואַרט ער און וואַרט, — אויף וואָס וואַרט ער דאָס? ער שטעהט צו נאָהנט צו די וואָלקען: וואַרט ער אפשר אויף'ן ערשטען בליץ?"

ווען צאַראַטהוסטראַ האָט דאָס געזאָגט, האָט דער יונגער מאַן אויסגעשריען מיט ליידענשאַפֿט: „יאָ, צאַראַטהוסטראַ, ס'איז אמת, וואָס דו זאָגסט. כ'האָב געוואָלט אונטערגעהן, ווען איך האָב אַרויפֿגעקלעטערט אין דער הויך, און דו ביזט דער בליץ, אויף וועלכען איך האָב געוואַרט. זעה נאָר, וואָס בין איך נאָך, זייט דו האָסט זיך אונז בעוויזען? די קנאה געגען דיר האָט מיר צו גרונד געריכט!"

אַזוי האָט געזאָגט דער יונגער מאַן און האָט געוויינט מיט ביטערע טרעהרען. אָבער צאַראַטהוסטראַ האָט איהם אַרומגענומען און האָט איהם מיטגענומען מיט זיך.

און ווען זיי זיינען געגאַנגען אַ ווײַלע צוזאַמען, האָט צאַראַטהוסטראַ צו איהם אַזוי געזאָגט:

עס רייסט מיר דאָס האַרץ! פֿיעל בעסער ווי דיינע ווערטער זאָגען מיר דיינע אויגען די געפֿאַהר, אין וועלכער דו געפֿינסט זיך.

נאָך ביזט דו ניט פֿריי, דו זוכסט ערשט נאָך פֿרייהייט. דיין זוכען לאָזט דיך ניט רוהען ביי טאָג און ביי נאַכט.

אין דער הויך ווילסט דו פֿליהען, פֿריי ווי אַ פֿויגעל אין דער לופֿט, אַרויף צו די שטערען בעגעהרט דיין נשמה. אָבער אויך דיינע שלעכטע אינסטינקטען זיינען דורשטיג נאָך דער פֿרייהייט.

דיינע ווילדע הינט ווילען אַרויס אויף דער פֿרייער וועלט; זיי בילען פֿון פֿרייד אין זייער קעלער, ווען דיין גייסט טראַכט צו צו־ברעכען אַלע תפיסות.

נאָך ביזט דו מיר אַ געפֿאַנגענער, וועלכער פֿאַנטאַזירט ערשט וועגען דער פֿרייהייט: אַך, ווי קלוג ווערט די נשמה פֿון אַזאַ גע־פֿאַנגענעם, אָבער אין דערזעלבער צייט ווערט זי אויך פֿאַלש און שלעכט!

רייניגען מוז זיך אויך נאָך דער יעניגער, וועלכער האָט בעפֿרייט זיין גייסט. פֿיעל שימעל און פֿיעלע סמנים פֿון דער תפיסה זיינען איהם נאָך פֿערבליבען; ריין מוזען נאָך ווערען זיינע אויגען.

יאָ, איך פֿערשטעה די געפֿאַהר, אין וועלכער דו געפֿינסט זיך. אָבער איך בעשווער דיך ביי מיין ליעבע און האָפֿנונג, אַז דו זאָלסט דיין ליעבע און האָפֿנונג נים אַוועקוואַרפֿען!

נאָך פֿיהלסט דו זיך עדעל, און אויך די אַנדערע, וואָס זיינען דיר מקנא און קוקען דיך אָן מיט בייזע אויגען, פֿיהלען נאָך אויך, אַז דו ביזט עדעל. זיי ווייסען, אַז אַן עדעלער שטעהט אַלעמען אין וועג.

אויך די גוטע שטעהט אַן עדעלער אין וועג, און אפילו ווען זיי רופֿען איהם אָן אַ גוטען, בעטען זיי אויך אויף איהם דעם טויט.

נייעס וויל דער עדעלער שאַפֿען און אַ נייע טוגענד. אַלטעס בעגעהרט דער גוטער און דאָס אַלטע אויפֿצוהאַלטען.

אָבער ניט דאָס איז די געפֿאַהר פֿאַר דעם עדעלען אַ גוטער צו ווערען, אַ געפֿאַהר איז פֿאַר איהם צו ווערען אַ חצוף, אַ שפּעטער, אַ פֿערניכטער.

אַך, איך האָב געקענט עדעלע, וואָס האָבען פֿערלאָרען זייער העכסטע האָפֿנונג. און איצט פֿערלוימדען זיי אַלע גרויסע האָפֿנונגען.

איצט לעבען זיי חוצפה'דיג אין קליינע ליידענשאַפֿטען און זייער ציעל שטייגט קוים אַריבער די אַלטעגליכקייט.

„וואוילטאָג איז אויך גייסט!“ אַזוי זאָגען זיי. און אַזוי זיינען די פֿליגעל פֿון זייער גייסט צובראָכען געוואָרען: איצט קריכט ער אַרום אויף דער ערד און בעשמוצט זיך נאָגענדיג.

אַמאָל האָבען זיי גע'חלום'ט צו ווערען העלדען; איצט זיינען זיי שאַרלאַטאַנעס. פֿאַר'ן העלד ציטערן זיי, און זיי פֿיהלען אַ וועהטאָג, ווען זיי קוקען איהם אַריין אין די אויגען.

אָבער איך בעשווער דיך ביי מיין ליעבע און האָפֿנונג: וואַרף ניט אַרויס דעם העלד פֿון דיין נשמה! האַלט הייליג דיין העכסטע האָפֿנונג! —

אַזוי האָט געזאָגט צאַראַטהוסטראַ.

מכה די פריידיגער פון׳ם טויט.

עס גיט פריידיגער פון׳ם טויט: און די ערד איז פול מיט אזעלכע, וועלכע מען דארף פריידיגען זיך אבצוזאגען פון׳ם לעבען.

פול איז די ערד מיט איבעריגע, פערדארבען איז דאס לעבען דורך די פיעל-צו-פיעלע. הלואי זאל מען זיי שוין אוועקנארען מיט׳ן „איביגען לעבען" פון אט דעם לעבען!

„געלע," אזוי רופט מען זיי, די פריידיגער פון׳ם טויט, אדער „שווארצע". אבער איך וועל זיי אייך נאך וויזען אין אנדערע קאלירען.

אט זיינען די שרעקליכע, וועלכע שלעפען אין זיך ארום די ווילדע חיה און האבען ניט קיין אנדער ברירה ווי אויסגעלאסען צו זיין אדער זיך אויפצועסען לעבעדיגערהייט. און אפילו אין זייער אויסגעלאסענקייט עסען זיי זיך אויף לעבעדיגערהייט.

זיי זיינען אפילו נאך קיין מענשען אויך ניט געווארען, דיזע שרעקליכע: זאלען זיי נאר פריידיגען די אבזאגונג פון׳ם לעבען און זיך אליין אבטראגען פון דאנען!

אט זיינען די שווינדזיכטיגע פון דער נשמה: קוים ווערען זיי נאר געבארען, הויבען זיי שוין אן אבצושטארבען און בייקען נאך אידעען פון מיעדקייט און ענטזאגונג.

זיי ווינשען זיך טויט צו זיין, און מיר זאלען זיי דאס אויך ווינשען פון טיעפען הארצען! לאמיר זיך נאר היטען די טויטע ניט אויפצואוועקען און זיך ניט אנצוריהרען אן די לעבעדיגע טרונעס!

ווען זיי בעגעגענען זיך מיט אַ קראַנקען, אַ זקן אָדער אַ מת כאַפּען זיי זיך באַלד אָן און שרייען: „אָט זעהט איהר דאָס לעבען איז אַ נאַרישקייט!"

אָבער נאָר זיי אַליין זיינען דאָס די נאַראָנים, דערפאַר וואָס זיי זעהען בלויז איין זייט פון לעבען.

איינגעהילט אין אַ טיפע טרויעריגקייט און אַרויסקוקענדיג מיט גיריגע אויגען אויף די קליינע צופעליגקייטען, וואָס ברייננגען דעם טויט, אָט אַזוי וואַרטען זיי און פערבייסען די ציינער.

אָדער זיי כאַפּען זיך צו צוקערלאַך און שפּעטען פון זייערע קינדערייען: זיי הייננען אויף אַ שטרוי פון זייער לעבען, און זיי שפּאָטען, פאַר וואָס זיי הייננען נאָך אויף שטרוי.

זייער חכמה קלינגט אַזוי: „אַ נאַר, וועלכער האַלט זיך ביים לעבען; נאָר מיר זיינען דאָס ליידער אַזעלכע נאַראָנים, און דאָס איז פונקט די נאַרישסטע זייט פון'ם לעבען!" —

„דאָס לעבען איז מעהר ניט ווי ליידען" — אַזוי בעהויפּטען אַנדערע, און זיי זאָגען אפילו ניט קיין ליגען: אויב אַזוי, טראַגט זיך אָב אויף גיך! מאַכט אַ סוף צום לעבען, וועלכעס איז פאַר אייך ניט מעהר ווי ליידען!

און אָט דאָס זאָל זיין די לעהרע פון אייער טוגענד: „דו זאָלסט זיך אַליין מאַכען דעם טויט! דו זאָלסט זיך אַרויס'גנב'ענען פון לעבען!" —

„וואָלוסטאָג איז אַ זינד", אַזוי זאָגען די איינע, וואָס פריידיגען דעם טויט — „לאָמיר געהן אָן אַ זייט און ניט בעשאַפען קיין קינדער!"

„צו בעשאַפען איז אַ שווערע זאַך"—אַזוי זאָגען די אַנדערע— „צו וואָס נאָך בעשאַפען? מען בעשאַפט נאָר אונגליקליכע!" אויך זיי זיינען פריידיגער פון'ם טויט.

„רחמנות דאַרף מען האָבען" — אַזוי זאָגען די דריטע. „נעהמט אַוועק, וואָס איך פערמאָג! נעהמט אַוועק וואָס איך בין! אַלץ וויניגער וועל איך זיין צוגעבונדען צום לעבען!"

ווען זיי וואָלטען געווען אמת'ע רחמנים, וואָלטען זיי די אַנ־דערע פערביטערט דאָס לעבען. צו זיין שלעכט, דאס וואָלט דאַן געווען זייער אמת'ע גוטסקייט.

אָבער זיי ווילען זיך אַרויסרייסען פֿון'ם לעבען: וואָס אַרט עס זיי, אַז זיי בינדען די אַנדערע נאָך שטאַרקער צו מיט זייערע קייטען און מיט זייערע מתנות!

און אויך איהר, פֿאַר וועמען דאָס לעבען איז אַ ווילדע אַר־בייט און אונרוהיגקייט — איז אייך דאָס לעבען שוין אויך ניט נמאס געוואָרען? זייט איהר ניט שוין זעהר רייף פֿאַר דער פּריי־דיגט פֿון'ם טויט?

איהר אַלע, וואָס איהר האָט ליעב די ווילדע אַרבייט און דאָס גיכע, נייע, פֿרעמדע, איהר קענט אייך אַליין ניט פֿערטראָגען. אייער פֿלייסיגקייט איז ניט מעהר ווי אַ מיטעל צו אַנטלויפֿען פֿון זיך אַליין און דער ווילען צו פֿערגעסען אין זיך אַליין.

ווען איהר וואָלט מעהר געגלויבט אין'ם לעבען, וואָלט איהר זיך ניט אַזוי צוגעכאַפּט צו אַ מאָמענט. אָבער איהר האָט ניט גע־נוג אינהאַלט אין זיך, אום אָבצוּוואַרטען — און אפילו צו דער פֿוילקייט אויך ניט!

איבעראַל הערען זיך די שטימען פֿון די, וואָס פּריידיגען דעם טויט: און די ערד איז פֿול מיט אַזעלכע, וועלכע מען דאַרף פּריידיגען זיך אָבצוזאָגען פֿון'ם לעבען.

אָדער פּריידיגט זיי דאָס „אייביגע לעבען": פֿאַר מיר איז דאָס די זעלבע זאַך, אַזוי לאַנג ווי זיי טראָגען זיך נאָר אויף גיך אָב פֿון דאַנען!

אַזוי האָט געזאָגט צאַראַטהוסטראַ.

מכח קריעג און קריעגס־פאלק.

פון אונזערע בעסטע שונאים פערלאנגען מיר ניט, זיי זאלען אונז שאנעווען, און אויך פון די ניט, וועלכע מיר ליעבען פון טיע־פען הארצען. אט דערפאר וויל איך אייך זאגען דעם אמת!

מיינע ברידער אין דער מלחמה! איך ליעב אייך פון טיעפען הארצען, איך בין און בין געווען אייער גלייכען. און איך בין אויך אייער בעסטער שונא. אט דערפאר וויל איך אייך זאגען דעם אמת!

איך קען דעם האס און די קנאה פון אייערע הערצער. איהר זייט ניט גענוג גרויס, אום ניט צו וויסען פון האס און קנאה. דער־פאר זייט כאטש גענוג גרויס, זיך ניט צו שעהמען דערמיט!

און אויב איהר קענט שוין ניט זיין די הייליגע פון דער ער־קענטניס, דאן זייט כאטש איהרע קריעגס־מענער. די קריעגס־מע־נער זיינען די חברים און פארגעננער פון דער הייליגקייט.

מיינע אויגען זעהען פיעל סאלדאטען: כ'וואלט געוואונשען צו זעהן פיעל קריעגס־מענער! „אוניפארם" רופט מען דאס, וואס זיי טראגען: זאל עס נאר ניט זיין קיין אוניפארם, וואס זיי בעהאלטען אונטער דעם.

איהר זאלט מיר זיין אזעלכע, וועמענס אויגען קוקען שטענדיג ארום פאר א שונא — אויף אייער שונא. און ביי עטליכע פון אייך ענטשטעהט א האס אויף'ן ערשטען בליק.

אייער שונא זאָלט איהר זוכען, אייער מלחמה זאָלט איהר האַלטען, און פֿאַר אייערע געדאַנקען זאָלט איהר קעמפפֿען! און אפילו ווען אייער געדאַנק וועט בעזיעגט ווערען, זאָל אייער עהרליכקייט נאָך פֿייערן טריאומפֿען!

איהר זאָלט ליעבען דעם פֿריעדען אַלץ אַ מיטעל פֿאַר נייע מלחמות. און דעם קורצען פֿריעדען זאָלט איהר בעסער ליעבען, איידער דעם לאַנגען.

אייך רעד איך נים צו צו דער אַרבייט, נאָר צום קאַמפּף. נים צום פֿריעדען רעד איך אייך צו, נאָר צום זיעג. אייער אַרבייט זאָל זיין אַ קאַמפּף און אייער פֿריעדען אַ זיעג!

מען קען נור שווייגען און איינזיצען שטיל, ווען מען האָט פֿייל און בויגען: אַז נים פלוידערט מען און מען קריעגט זיך. אייער פֿריעדען זאָל זיין אַ זיעג!

איהר מיינט צו זאָגען, אַז אַ גוטע זאַך מאַכט אפילו דעם קריעג הייליג? נאָר איך זאָג אייך: אַ גוטער קריעג מאַכט יעדע זאַך הייליג!

דער קריעג און דער מוטה האָבען מעהר אויפֿגעטהאָן, איידער די ליעבע צום נעכסטען. נים אייער רחמנות, נאָר אייער דרייסטקייט האָט ביז איצט געראַטעוועט די אונגליקליכע.

וואָס איז גוט? פֿרעגט איהר. דרייסט זיין איז גוט. זאָלען די קליינע מיידלאַך זאָגען: „גוט איז דאָס, וואָס איז שעהן און ריהרענד".

מען זאָגט, אַז איהר האָט קיין האַרץ נים: אָבער אייער האַרץ איז עכט און איך ליעב די שעהמעדיגקייט פֿון אייערע הערצער. איהר שעהמט זיך מיט אייער איבערפֿלוס, און אַנדערע שעהמען זיך מיט זייער אָרעמקייט.

איהר זייט העסליך? גוט, מיינע ברידער! הילט זיך איין אין דער גרויסקייט, אין דעם מאַנטעל פֿון דער העסליכקייט.

ווען אייער נשמה הויבט אָן גרויס צו ווערען, בעקומט זי העזה, און אייער ערהאַבענהייט איז בייזקייט. איך קען אייך גוט.

אין דער בייזקייט בעגעגענט זיך דער שוועכלינג מיט'ן עזות׳ניק. נאָר זיי פֿערשטעהען זיך נים איינער דעם אַנדערן. איך קען אייך גוט.

איהר דאַרפֿט נאָר האָבען אַזעלכע שונאים, וועלכע זיינען ווערטה פֿערהאַסט צו ווערען, אָבער ניט אַזעלכע, וועלכע מען מוז פֿעראַכטען. איהר מוזט שטאָלצירען מיט אייער שונא: דאַן איז דער זיעג פֿון אייער שונא אייער זיעג.

עמפּעהרונג — דאָס איז דער שטאָלץ פֿון׳ם שקלאַף. אייער שטאָלץ זאָל זיך רופֿען געהאָרכזאַמקייט. אפילו אייער בעפֿעהל זאָל זיין אַ געהאָרכזאַמקייט.

פֿאַר אַ גוטען קריעגס־מאַן קלינגען די ווערטער „דו מוזט" אַנגענעהמער, איידער „איך וויל." און אַלעס, וואָס איז אייך ליעב, זאָלט איהר זיך פֿריהער לאָזען בעפֿעהלען.

אייער ליעבע צום לעבען זאָל זיין די ליעבע צו אייער גרעס־טער האָפֿנונג: און אייער גרעסטע האָפֿנונג זאָל זיין דער העכסטער געדאַנק פֿון אייער לעבען!

אייער העכסטען געדאַנק זאָלט איהר אָבער זיך לאָזען בעפֿעה־לען פֿון מיר — און דיזער געדאַנק איז: דער מענש איז אַן עפּעס, וואָס דאַרף נאָך בעזיעגעט ווערען.

אָט אַזוי לעבט אייער לעבען פֿון געהאָרכזאַמקייט און קריעג! וואָס קומט אַרויס פֿון אַ לאַנגען לעבען? וועלכער קריעגער וויל, מען זאָל איהם שאַנעווען?

איך שאַנעווע אייך ניט, איך ליעב אייך פֿון מיין טיעפֿען הארצען, מיינע ברידער אין דער מלחמה.

אַזוי האָט געזאָגט צאַראַטהוסטראַ. —

מכח דעם נייעם געץ.

ערגעץ וואו גיט עס נאָך פֿעלקער און סטאַדעס, אָבער ניט ביי אונז, מיינע ברידער: ביי אונז גיט עס שטאַאַטען.

שטאַאַט? וואָס איז דאָס אַזעלכעס? נון גוט! מאַכט אויף אייערע אויערען, ווייל איצט וועל איך אייך זאָגען אַ וואָרט מכח דעם טויט פֿון די פֿעלקער.

שטאַאַט, אַזוי רופֿט זיך די קעלטסטע פֿון אַלע קאַלטע בריאות. קאַלט זאָגט זי אויך ליגענס; און אָט דיזער ליגען קריעכט איהר אַרויס פֿון מויל: „איך, דער שטאַאַט, בין דאָס פֿאָלק."

אַ ליגען איז דאָס! שאַפֿענדע זיינען דאָס געווען, וועלכע האָ-בען בעשאַפֿען די פֿעלקער און אויפֿגעהאַנגען אַ גלויבען און אַ ליעבע איבער זיי: אָט אַזוי האָבען זיי געדיענט דעם לעבען.

פֿערניכטער זיינען דאָס, זיי שפּרייטען אויס נעצען פֿאַר פֿיעלע און רופֿען עס שטאַאַט: זיי הייגגען אויף אַ שווערד און הונדערט ליידענשאַפֿטען איבער זייערע קעפּ.

דאָרט, וואו עס גיט נאָך אַ פֿאָלק, פֿערשטעהט עס ניט, וואָס איז אַזעלכעס: שטאַאַט, און מען פֿערהאַסט איהם ווי אַ בייז אויג, אַלס אַ זינד געגען די מנהגים און רעכטע.

אָט דיזען סימן גיב איך אייך: יעדעס פֿאָלק רעדט זיין איי-גענע שפּראַך פֿון גוטס און שלעכטס, וועלכע דער שכן קען ניט פֿערשטעהן. זיין שפּראַך האָט עס זיך אַליין אויסגעפֿונען אין זיינע מנהגים און רעכטע.

אָבער דער שטאַאַט זאָגט ליגענס אין אַלע לשונות פֿון גוטס און שלעכטס; און וואָס ער זאָל ניט רעדען, ליגט ער, און וואָס ער פֿערמאָגט נאָר, גע'גנב'ט האָט ער עס.

פֿאַלש איז אַלעס ביי איהם: מיט גע'גנב'עטע ציינער בייסט ער, דער פֿערביסענער. אפילו זיינע געדערים זיינען פֿאַלש.

אַ דור הפלגה פֿון גוטס און שלעכטס: אָט דיזען סימן גיב איך אייך אַלס דעם סימן פֿון'ם שטאַאַט. באמת, דעם ווילען צום טויט וויזט דיזער סימן! באמת, ער ווינקט צו די פּריידיגער פֿון'ם טויט!

פֿיעל צו פֿיעלע זיינען געבאָרען געוואָרען, און פֿאַר זיי האָט מען אויסגעטראַכט דעם שטאַאַט!

זעהט נאָר, ווי ער ווינקט צו זיי, צו די פֿיעל־צו־פֿיעלע! ווי ער שלינגט זיי, קייט זיי און קייט זיי איבער!

„ניטאָ קיין גרעסערעס אויף דער ערד פֿון מיר! איך בין דער פֿינגער פֿון גאָט!" — אַזוי ברומט די ווילדע חיה. און ניט בלויז מענשען מיט לאַנגע אויערען און קליינע אויגעלאַך פֿאַלען פֿאַר איהר אויף די קניע!

אַך, אויך אין אייך, איהר גרויסע נשמות שושקעט ער אַריין זיינע פֿינסטערע ליגענס! אַך, ער געפֿינט זיי שוין אויס די רייכע הערצער, וועלכע האָבען ליעב זיך אויפֿצואָפּפֿערן!

יאָ, אויך אייך פֿאָרשט ער אויס, איהר בעזיעגער פֿון'ם אַל־טען גאָט! פֿערמאַרטערט זייט איהר געוואָרען אין קאַמפּף, און איצט דיענט אייער מידקייט דעם נייען געץ!

העלדען און עהרען־מענער וואָלט ער געוואָלט האָבען אַרום זיך, דער נייער געץ! גערן וואַרעמט זי זיך אָן אין די שטראַהלען פֿון אַ גוטען געוויסען, די פֿינסטערע בריאה!

אַלצדינג פֿערשפּרעכט ער אייך צו געבען, ווען איהר זאָלט איהם פֿערגעטערען, דעם נייען געץ: אָט אַזוי קויפֿט ער זיך דעם גלאַנץ פֿון אייער טוגענד און דעם בליק פֿון אייערע שטאָלצע אויגען.

אַרייננאַרען וויל ער דורך אייך די פֿיעל־צו־פֿיעלע! יאָ, מען האָט אויסגעטראַכט אַ טייפֿלישעס קונסט־שטיק: אַ בילד פֿון'ם טויט איינגעהילט אין אַ געטליכער הערליכקייט.

יאָ, מען האָט אויסגעטראַכט אַ שטאַרבען פֿאַר פֿיעלע, וועלכער

לויבט זיך אַלס דאָס לעבען: באמת, אַן ערקוויקונג איז דאָס פֿאַר אַלע פריידיגער פֿון׳ם טויט!

שטאָאט רוף איך דאָס, וואו אַלע זיינען גיפֿט-טרינקער, גוטע און שלעכטע: שטאַאט רוף איך דאָס, וואו אַלע פֿערלירען זיך אַליין, גוטע און שלעכטע: שטאַאט רוף איך דאָס, וואו דער לאַנגזאַמער זעלבסט-מאָרד פֿון אַלעמען ווערט אָנגערופֿען „דאָס לעבען.״

קוקט נאָר אָן, דיזע איבעריגע! זיי גנב׳ענען די ווערק פֿון די ערפֿינדער און די רייכטהימער פֿון די חכמים: בילדונג רופֿען זיי זייער גנבה — און אַלעס ווערט ביי זיי אַ קראַנקהייט און אַן אונגליק!

קוקט נאָר אָן, דיזע איבעריגע! קראַנק זיינען זיי שטענדיג, זיי ברעכען מיט דער גאַל און רופֿען עס אַ ציימונג. זיי שלינגען זיך איין איינער דעם אַנדערן און קענען זיך זאָגאַר ניט פֿערדייען.

קוקט נור אָן, דיזע איבעריגע! זיי קלייבען אָן עשירות און ווערען דערפֿון אַלץ אָרעמער. מאַכט ווילען זיי, און אַ פֿריהער דאָס ברעך-אייזען פֿון דער מאַכט, פֿיעל געלד, — דיזע קבצנים!

זעהט נאָר ווי זיי קלעטערן דאָס, דיזע געשווינדע אַפֿען! זיי קלעטערן איינער איבערן אַנדערן און שלעפען זיך אַראָב אין דער בלאָטע, אין דער טיפֿעניש.

אַהין צום טראָהן ווילען זיי אַלע, דיזע וואַהנזיניגע, — גלייך ווי דאָס גליק וואָלט געזעסען אויף׳ן טהראָן! אָפֿט זיצט דער שמוץ אויף׳ן טראָהן און אָפֿט דער טהראָן אויף׳ן שמוץ.

וואַהנזיניגע זיינען זיי מיר אַלע, וואַהנזיניגע און קלעטערדיגע אַפֿען און צוקאָכטע. אַ שלעכטען גערוך האָט מיר זייער געץ, די קאַלטע בריאה, און אַ שלעכטען גערוך האָבען זיי מיר אַלע, דיזע געצען-דיענער.

מיינע ברידער, ווילט איהר דען דערשטיקט ווערען אין דעם שלעכטען גערוך פֿון זייערע מיילער און ליידענשאַפֿטען? צוברעכט דאָך בעסער די פֿענסטער און שפרינגט אַרויס אין דער פֿרייהייט.

אַנטלויפֿט דאָך פֿון דעם שלעכטען גערוך! געהט אַוועק פֿון דער געצען-דינערײ פֿון די איבעריגע!

אַנטלויפֿט דאָך פֿון דעם שלעכטען גערוך! לויפֿט אַוועק פֿון דאַנען, וואו מען ווערט דערשטיקט פֿון׳ם רויך פֿון די מענשליכע קרבנות!

פריי איז אויך נאָך איצט די ערד פאַר גרויסע נשמות! פיעלע פלעצער זיינען נאָך ליידיג פאַר איינזאַמע און צווייזאַמע, אַרום וועל-כע עס וועהט די לופט פון שטילע ים'ען.

פריי שטעהט נאָך פאַר גרויסע נשמות אַ פרייעס לעבען. באמת, ווער עס פערמאָגט ווייניג, דער בעלאַנגט ווייניגער צו די אַנדערע, געבענטשט זאָל זי זיין, די קליינע אָרעמקייט!

דאָרט, וואו דער שטאַאט ענדיגט זיך, הויבט ערשט אָן צו עקזיסטירען דער מענש, וועלכער איז נימ קיין איבעריגער: דאָרטען הויבט זיך אָן דאָס ליעד פון דער נויטווענדיגקייט, די איינציגע און אונערזעצליכע מעלאָדיע.

דאָרט, וואו דער שטאַאט ענדיגט זיך, — אַך, קוקט זיך נאָר צו, מיינע ברידער! זעהט איהר נימ דאָרטען דעם רעגען-בויגען און די בריקען פון'ם איבער-מענש?

אַזוי האָט געזאָגט צאַראַטהוסטראַ.

מכח די פליענען פון'ם מארק.

פערקלייב זיך, מיין פריינד, אין דיין איינזאמקייט! איך זעה דיך פערטומעלט דורך דעם ליארעם פון די גרויסע מענער און צו-שטאָכען דורך די שטאַכלען פון די קליינע.

וועלדער און פעלזען פערשטעהען זיך צו שווייגען גלייך מיט דיר. זיי ווידער אַזוי ווי דער בוים, וועלכען דו ליעבסט, מיט זיינע ברייטע צווייגען: שטיל און זיך איינהערענדיג לאָזט ער אַראָב זיינע צווייגען איבערן ים.

דאָרט, וואו די איינזאַמקייט ענדיגט זיך, הויבט זיך אָן דער מאַרק: און וואו עס הויבט זיך אָן דער מאַרק, פאַנגט זיך אויך אָן דער ליאַרעם פון די גרויסע אַקטיאָרען און דאָס זומען פון די גיפטיגע פליעגען.

אין דער וועלט האָבען די בעסטע זאַכען קיין ווערטה ניט, אויב זיי האָבען ניט איינעם, וועלכער זאָל זיי פאָרשטעלען. גרויסע מענער רופט דאָס פאָלק דיזע פאָרשטעלער, דיזע אַקטיאָרען.

ווינציג פערשטעהט דאָס פאָלק פון דער גרויסקייט, דען די גרויסקייט איז דאָס שאַפענדע. פערשטענדיג איז עס נאָר פאַר די פאָרשטעלער און אַקטיאָרען פון גרויסע זאַכען.

די וועלט בעוועגט זיך אַרום די ערפינדער פון נייע וואַהרהיי-טען: — מען זעהט ניט, ווי זי בעוועגט זיך. אָבער אַרום די אַק-טיאָרען בעוועגט זיך דאָס פאָלק און די בעריהמטקייט. אָט אַזוי „פיהרט עס זיך" אין דער וועלט.

גייסט האָט ער, דער אַקטיאָר, נאָר צו ווייניג איבערצייגונג

האָט זיין גייסט. שטענדיג גלויבט ער אין דעם, מיט וואָס ער מאַכט אָם מייסטען אַנדערע צו גלויבען — צו גלויבען אין איהם!

מאָרגען האָט ער אַ נייעם גלויבען און איבערמאָרגען נאָך אַ נייעם. זעהר אָפּט בייט ער איבער זיינע מיינונגען, אַזוי ווי דאָס פֿאָלק און פֿערענדערליכע וועטערם.

אומוואָרפֿען—דאָס הייסט ביי איהם בעווייזען. ווילד מאַכען— דאָס הייסט ביי איהם איבערצייגען. און בלוט איז פֿאַר איהם דער בעסטער אַרגומענט.

אַ וואַהרהייט, וועלכע קריעכט נאָר אַריין אין פֿיינע אויערען, רופֿט ער אַ ליגען, אַ גאָרנישט. באמת, ער גלויבט נאָר אין אַזעלכע געטער, וועלכע מאַכען אָן אַ גרויסען ליאַרם אין דער וועלט!

דער מאַרק איז פֿול מיט יום טוב׳דיגע פורים-שפּיעלער — און דאָס פֿאָלק בעריהמט זיך מיט זיינע גרויסע מענער! זיי זיינען דאָס די יעניגע, וואָס בעהערשען דעם מאָמענט.

אָבער דער מאָמענט שטופּט זיי: און זיי שטופּען דיך. אויך פֿון דיר ווילען זיי וויסען יאָ אָדער ניין. וועה איז דיר, דו ווילסט אַוועקשטעלען דיין שטוהל צווישען דערפֿאַר און דאַגעגען?

אויף דיזע אַבסאָלוטע און אונטערשטופּערס דאַרפֿסט דו ניט האָ- בען קיין קנאה, דו פֿריינד פֿון דער וואַהרהייט. קיינמאָל האָט זיך די וואַהרהייט נאָך ניט צוגעטשעפּעט צו איינעם פֿון דיזע אַבסאָלוטע.

אָט צוליעב דיזע אונגעדולדיגע פֿערקלייב זיך אין דיין זיכערען ווינקעל! נור אויף׳ן מאַרק פֿאַלט מען דיך איבער מיט יאָ? אָדער ניין?

לאַנגזאַם און שטיל איז דאָס לעבען פֿון אַלע טיעפֿע ברונענס. עס נעהמט ביי זיי אַ לאַנגע צייט, איידער זיי קענען דערגעהן, וואָס עס איז אַריינגעפֿאַלען אין זייער טיעפֿעניש.

אויף יענער זייט מאַרק, ווייט פֿון דער בעריהמטקייט, קומען פֿאָר אַלע גרויסע פּאַסירונגען; אויף יענער זייט מאַרק, ווייט פֿון דער בעריהמטקייט האָבען שטענדיג געלעבט די ערפֿינדער פֿון נייע וואַהרהייטען.

פֿערקלייב זיך, מיין פֿריינד, אין דיין איינזאַמקייט: איך זעה דיך צושטאָכען פֿון גיפֿטיגע פֿליעגען. לויף אַוועק דאָרטען, וואו עס וועהט אַ קאַלטע, שטאַרקע לופֿט!

פֿערקלייב זיך אין דיין איינזאַמקייט! דו האָסט געלעבט צו נאָהענט צו די קליינע און ניעדעריגע. אַנטלויף פֿון זייער אונזעה־באַרער נקמה! געגען דיך זיינען זיי אין גאַנצען נקמה.

הויב מעהר ניט אויף דיין האַנד געגען זיי! זיי זיינען אונ־צעהלבאַר, און עס איז ניט דיין שיקזאַל צו זיין אַ פֿליעגען-כאַפּער.

אונצעהלבאַר זיינען זיי, דיזע קליינע און ניעדעריגע מענשע־לאַך; און מאַנכע שטאָלצע געביידע איז שוין איינגעפֿאַלען דורך רעגען־טראָפּענס און ווילד־גראָז.

דו ביזט ניט קיין שטיין, אָבער שוין ביזט דו אויסגעהוילט גע־וואָרען פֿון פֿיעלע טראָפּענס. צובּרעכען און צופּלאַצען וועסט דו מיר נאָך פֿון די פֿיעלע טראָפּענס.

פֿערמאַרטערט זעה איך דיך פֿון די גיפֿטיגע פֿליעגען, צושטאָ־כען זעה איך דיך שוין אין הונדערט ערטער; און דיין שטאָלץ וויל אפילו ניט צאָרנדיג ווערען.

דיין בלוט וואָלטען זיי געוואָלט זעהן, די „אונשולדיגע", בלוט בּעגעהרען זייערע בלוט־אָרעמע נשמות — אָט דערפֿאַר שטעכען זיי אַזוי, דיזע „אונשולדיגע".

אָבער דו טיעפֿער, דו ליידעסט צו טיעף, אפילו פֿון קליינע וואונדען; און איידער דו האָסט זיך נאָך אויסגעהיילט, קריעכט דיר שוין ווייטער דער זעלבער גיפֿטיגער וואָרים איבער דער האַנד.

צו שטאָלץ ביזט דו מיר, אָט דיזע קלייניגע נאַשערס צו פֿערניכטען. היט זיך אָבער, אַז עס זאָל ניט ווערען דיין שיקזאַל צו דערטראָגען זייערע אַלע גיפֿטיגע אונגערעכטיגקייטען!

זיי זומען אַרום דיר, זיי לויבען דיך זאָגאַר: חניפה איז זייער ליעב. זיי ווילען נאָהענט זיין צו דיין הויט און צו דיין בלוט.

זיי חנפה׳נען זיך צו דיר, ווי צו אַ גאָט אָדער אַ טייוועל. זיי שמייכלען זיך אונטער ביי דיר ווי ביי אַ גאָט אָדער אַ טייוועל. וואָס מאַכט עס! חניפה׳ניקעס און שמייכלער זיינען זיי און ניט מעהר.

אויך בעווייזען זיי זיך אָפֿטמאָל זעהר פֿריינדליך צו דיר. אָבער דאָס איז שטענדיג געווען די חכמה פֿון די פֿייגלינגע. יאָ, די פֿייג־לינגע זיינען שטענדיג קלוג!

זיי דיינקען זעהר פֿיעל איבער דיר מיט זייערע קליינע נשמה־

לאַך — געפֿעהרליך זעהסט דו אוים! אַלעס, וואָס מען טראַכט צו פֿיעל איבער, ווערט געפֿעהרליך.

זיי בעשטראָפֿען דיך פֿאַר דיינע אַלע טוגענדען, און זיי פֿער־געבען דיר נור פֿון טיעפֿען האַרצען דיינע פֿעהלער.

ווייל דו ביזט מילד און גערעכט, זאָגסט דו זיך אַליין: „ס'איז ניט זייער שולד, וואָס זייער לעבען איז אַזוי קליין.“ אָבער זייערע קלייניגקע נשמה'לאַך דיינקען: „ער איז שולדיג, דערפֿאַר וואָס זיין לעבען איז אַזוי גרויס.“

אפילו ווען דו ביזט מילד צו זיי, פֿיהלען זיי זיך נאָך אַלץ פֿעראַכטעט פֿון דיר, און זיי בעצאָהלען דיר פֿאַר דיין גוטסקייט מיט אַ בעהאַלטענער בייזקייט.

דיין שווייגעדיגער שטאָלץ וועט זיי קיינמאָל ניט געפֿעלען; און זיי טריאומפֿירען, ווען דיין בעשיידענהייט צייגט אַמאָל אַרויס אַביסעל גאוה.

ווען מיר דערקענען אימיצען, צינדען מיר אונטער זיינע גע־פֿיהלען. דערפֿאַר היט זיך פֿאַר די קליינע!

פֿאַר דיר פֿיהלען זיי זיך קליין און זייער נידעריגקייט גליהט אין זיי ווי אַן אונבעקאַנטע נקמה געגען דיר.

האָסט דו ניט בעמערקט, ווי זיי זיינען אָפֿטמאָל פֿערשטומט געוואָרען, ווען דו ביזט צוגעטראָטען צו זיי, און ווי זייער קראַפֿט איז פֿון זיי אַוועקגעפֿלויגען ווי דער רויך פֿון אַ פֿייער, וואָס האַלט ביים אויסגעהן?

יאָ, מיין פֿריינד, דו ביזט ווי אַ שלעכטעס געוויסען פֿאַר דיינע שכנים: ווייל זיי פֿיהלען, אַז זיי זיינען דיך ניט ווערטה. אָט דערפֿאַר פֿערהאַסען זיי דיך, און וואָלטען זעהר געוואָלט טרינקען דיין בלוט.

דיינע שכנים וועלען שטענדיג זיין גיפֿטיגע פֿליעגען, און דאָס גרויסע אין דיר מאַכט זיי נאָך גיפֿטיגער און פֿאַר נאָך בייזערע פֿליעגען.

אנטלויף, מיין פֿריינד, אין דיין איינזאַמקייט, דאָרט, וואו עס וועהט אַ קאַלטע שטאַרקע לופֿט, דען עס איז ניט דיין שיקזאַל צו זיין אַ פֿליעגען־כאַפּער. —

אַזוי האָט געזאָגט צאַרטהוסטראַ.

מכח דער צניעות.

כ'האָב ליעב דעם וואַלד. אין די שטעדט איז ניט גוט צו לע־בען: דאָרטען גיט עס צו פיעל ליידענשאַפטליכע.

איז עס ניט פיעל בעסער אַריינצוּפאַלען אין די הענד פון אַ מערדער, איידער אין די חלומות פון אַ ליידענשאַפטליכער פרוי?

און קוקט נאָר אָן אָט דיזע מענער: אין זייערע אויגען קען מען אָנזעהן, אַז פאַר זיי איז ניטאָ קיין בעסערס אויף דער וועלט, ווי צו ליעגען מיט אַ פרוי.

שמוץ ליעגט אויף'ן גרונד פון זייערע נשמות: און אַז אָך און וועה צו זיי, ווען זייער שמוץ בעזיצט נאָך גייסט!

וואָלט איהר כאָטש פאָלקאָמען געווען אַזוי ווי די חיות! אָבער אַ חיה צו זיין דאַרף מען זיין אונשולדיג.

הייס איך אייך אפשר אייערע בעדערפנישען דערשטיקען? אַלעס וואָס איך ראַטה אייך, איז די ריינקייט פון אייערע בעדערפנישען.

הייס איך אייך אפשר זיין צניעות'דיג? ביי עטליכע איז צניעות אַ טוגענד, אָבער ביי די מייסטע כמעט אַן אויסגעלאַסענהייט.

זיי האַלטען זיך אפילו אָב: אָבער די צויג „ליידענשאַפט” קוקט אַרויס מיט קנאה פון זייערע אַלע האַנדלונגען.

ביז אויף די בערג פון זייער טוגענד, ביז אין דער אַטמאָספע־רע פון'ם קאַלטען גייסט פערפאָלגט זיי דיזע חיה און די אונצו־פריעדענהייט.

און ווי אַנשטענדיג פערשטעהט די צויג „ליידענשאַפט” צו

בעטלען פֿאַר אַ שטיקעל גייסט, ווען מען ענטזאָגט איהר אַ שטיק פֿלייש!

איהר האָט ליעב טראַגעדיעס און אַלעס וואָס עס צובּרעכט דאָס האַרץ? אָבער איך האָב ניט קיין צוטרוי צו אייער צווינ.

איהר האָט מיר צו גרויזאַמע אויגען און קוקט צו גיעריג אויף די ליידענדע. האָט זיך אייער ליידענשאַפֿט ניט פֿערמאַסקירט און רופֿט זיך מיטלייד?

אויך אָט דעם משל גיב איך אייך: ניט ווייניג, וועלכע האָבען געוואָלט אַרויסטרייבען דעם טייוועל פֿון זיך, זיינען אַליין געוואָרען חזירים.

די, פֿאַר וועמען צניעות איז אַ צו שווערע זאַך, דאַרף מען ניט דערצו ראַטהען, כדי זי זאָל ניט ווערען פֿאַר זיי דער וועג צום גיהנם — די אורזאַבע פֿון׳ם שמוץ און ליידענשאַפֿט פֿון דער נשמה.

רעד איך אפשר פֿון שמוציגע זאַכען? דאָס איז פֿאַר מיר נאָך ניט דאָס ערגסטע.

ניט ווען די וואַהרהייט איז שמוציג, נאָר ווען זי איז ניט גע־נוג טיעף, ליעבט דער ויסענדער ניט אַריינצוגעהן אין איהר וואַסער.

באמת, עס גיבען נאָך ריכטיגע צניעות׳דיגע מענשען; זייערע הערצער זיינען מילדער, זיי לאַכען ליעבער און מעהר פֿון אייך.

אפילו פֿון צניעות לאַכען זיי און פֿרעגען: „וואָס איז דאָס אועלכעס צניעות?

„איז צניעות ניט נאַרישקייט? אָבער דיזע נאַרישקייט איז גע־קומען צו אונז און ניט מיר צו איהר.

„מיר האָבען אָנגעבאָטען אָט דיזעם גאַסט אונזער וואוינונג און אונזער האַרץ: איצט וואוינט ער ביי אונז, — נו, זאָל ער ביי אונז בלייבען, אַזוי לאַנג ווי ער וויל!"

אַזוי האָט געזאָגט צאַרטהוסטראַ.

מכה דעם פריינד.

„איינער איז שטענדיג צופיעל ארום מיר" — אזוי דיינקט דער איינזאמער. „שטענדיג איין־מאל־איינס קומט מיט דער צייט ארויס צוויי!"

איך און מיך האבען זיך שטענדיג צו פיעל צו זאגען: ווי אזוי וואלט מען געקענט אויסהאלטען, ווען מען וואלט ניט געהאט קיין פריינד?

פאר דעם איינזאמען איז דער פריינד שטענדיג דער דריטער: דער דריטער איז דער קארק, וועלכער האלט אב, אז דער געשפרעך פון די צוויי זאל ניט אריבערפאלען אין דער טיעפעניש.

אך, עס זיינען דא צו פיעל טיעפענישען פאר אלע איינזאמע. דערפאר בייגקען זיי אזוי נאך א פריינד און נאך זיין הויכקייט.

פון אונזער גלויבען אין אנדערע קען מען דערגעהן, אין וואס מיר אליין וואלטען אם ליעבסטען געגלויבט. אונזער בייגקעניש נאך א פריינד איז אונזער פעררעטהער.

אפטמאל וויל מען מיט דער ליעבע בלויז אריבערשפרינגען די קנאה. און אפטמאל גרייפט מען אן אנדערע און מען מאכט זיך א שונא, כדי מען זאל ניט זעהן, אז מען האט מורא אנגעגריפען צו ווערען.

„זיי כאטש מיין שונא!" — אזוי זאגט דער אמת'ער רעספעקט, וועלכער האט ניט דעם מוטה צו בעטען זיך פאר פריינדשאפט.

אויב מען וויל האבען א פריינד, דארף מען אויך האלטען

מלחמה פאַר איהם: און אום צו האַלטען מלחמה, דאַרף מען פער-שטעהן צו זיין אַ שונא.

אפילו אין'ם פריינד דאַרף מען נאָך רעספעקטירען דעם שונא. קענסט דו זיין גאַנץ נאָהענט צו דיין פריינד און ניט אַריבערגעהן אויף זיין זייט?

אונזער פריינד זאָל פאַר אונז זיין אונזער בעסטער שונא. דו זאָלסט אין דיין האַרצען זיין אַם נאָהנסטען צו איהם אין דער צייט, ווען דו בעקעמפפסט איהם.

דו ווילסט ניט טראָגען קיין קליידער פאַר דיין פריינד? עס זאָל זיין אַ כבוד פאַר דיין פריינד, אַז דו צייגסט זיך פאַר איהם, אַזוי ווי דו ביזט? אָבער דעריבער ווינשט ער דיר, דו זאָלסט געהן צום טייוועל!

ווער עס ליעבט זיך ניט צו פערשטעלען, רייצט אַנדערע אויף: אַזוי מורא האָט איהר דאָס פאַר דער נאַקעטקייט! יאָ, ווען איהר וואָלט געווען געטער, וואָלט איהר זיך געדאַרפט שעהמען מיט איי-ערע קליידער!

פאַר דיין פריינד קענסט דו זיך קיינמאָל ניט שעהן גענוג אויספוצען: דען דו זאָלסט זיין פאַר איהם אַ פייל און אַ בענקע-ניש נאָך'ן איבערמענשען.

האָסט דו שוין געזעהן דיין פריינד שלאָפענדיג, — כדי דו זאָלסט וויסען, ווי אַזוי ער זעהט אויס? ווי אַזוי זעהט דען אויס דער פנים פון דיין פריינד, ווען ער איז וואַך? עס איז דיין אייגע-נער פנים אין אַ רויען און אונפאָלקאָמענעם שפיגעל.

האָסט דו שוין געזעהן דיין פריינד שלאָפענדיג? האָסט דו זיך ניט דערשראָקען, וואָס דיין פריינד זעהט אַזוי אויס? אָה, מיין פריינד, דער מענש איז אַן עפעס, וואָס מוז בעזיעגט ווערען.

דער פריינד זאָל בעזיצען די קונסט אַלעס צו וויסען און שטיל צו שווייגען: דו דאַרפסט ניט וועלען צו זעהן אַלצדינג. דיין חלום זאָל דיר אויסזאָגען, וואָס דיין פריינד טהוט וואַכענדיגערהייט.

אויספאָרשונג זאָל זיין דיין מיטלייד: כדי דו זאָלסט פריהער קענען וויסען, צו דיין פריינד פערלאַנגט מיטלייד. אפשר ליעבט ער ביי דיר דאָס שטאָלצע אויג און דעם בליק פון דער אייביגקייט.

דאָס מיטלייד אויף דעם פריינד זאָל זיין בעהאַלטען אונטער אַ הארטע שאָלאַכץ, מיט וועלכער דו זאָלסט זיך אויסברעכען אַ צאָהן. אַט אַזוי וועט עס האָבען זיין פיינקייט און זיסקייט.

ביזטו אַזוי ווי ריינע לופט און איינזאַמקייט און ברויט און אַ הייל-מיטעל פאַר דיין פריינד? מאַנכער קען זיך ניט בעפרייען פון זיינע אייגענע קייטען, אָבער פאַר דעם פריינד קען ער זיין אַ בעפרייער.

ביזט דו אַ שקלאַף? דאַן קענסט דו ניט זיין קיין פריינד. ביזט דו אַ טיראַן? דאַן קענסט דו ניט זיין קיין פריינד.

פיעל צו לאַנג האָט זיך בעהאַלטען אין דער פרוי אַ שקלאַף און אַ טיראַן. אַט דערפאַר איז די פרוי נאָך ניט פעהיג צו דער פריינדשאַפט: זי ווייסט נאָר פון דער ליעבע.

אין דער ליעבע פון דער פרוי איז אונגערעכטיגקייט און בלינד-קייט געגען אַלעם, וואָס זי ליעבט ניט. און אפילו אין דער בע-וואוסטער ליעבע פון דער פרוי איז נאָך אַלץ פאַרהאַן אַ שטיק אָנ-פאַל, אַ בליץ און אַ נאַכט נעבען דער ליכטיגקייט.

נאָך איז די פרוי ניט פעהיג צו דער פריינדשאַפט. קעץ זייי-נען זיי נאָך אַלץ, די ווייבער, און פייגעל. אָדער אין'ם בעסטען פאַל זיינען זיי קיה.

נאָך איז די פרוי ניט פעהיג צו דער פריינדשאַפט. אָבער זאָגט מיר נאָר, איהר מענער, ווער פון אייך איז דאָס פעהיג צו דער פריינדשאַפט?

אַז אָך און וועה צו אייער אָרעמקייט, איהר מענער, און צו דער קאַרגקייט פון אייערע נשמות! ווי פיעל איהר גיט אייער פריינד, אַזוי פיעל וועל איך נאָך מיין שונא געבען און וועל דערפון אויך ניט ווערען אָרעמער.

עס גיט גענאָסענשאַפט. הלואי זאָל עס שוין געבען פריינדשאַפט.

אַזוי האָט געזאָגט צאַראַטהוסטראַ. —

סכח טויזענד און איין ציעל.

פֿיעל לענדער האָט צאַראַטהוסטראַ געזעהן און פֿיעל פֿעלקער: און אָט אַזוי האָט ער אויסגעפֿונען דאָס גוטס און שלעכטס פֿון פֿיעלע פֿעלקער. קיין גרעסערע מאַכט האָט צאַראַטהוסטראַ ניט געפֿונען אויף דער ערד ווי גוטס און שלעכטס.

קיין פֿאָלק וואָלט ניט געקענט עקזיסטירען, ווען עס וואָלט זיך ניט פֿריהער אויסגעלערנט אָבצושאַצען; אָבער אויב עס וויל אויפֿהאַלטען זיין עקזיסטענץ, דאַרף עס ניט אָבשאַצען, אַזוי ווי דער שכן שאַצט אָב.

פֿיעלעס, וואָס פֿאַר איין פֿאָלק איז גוט, איז פֿאַר אַן אַנדער פֿאָלק אַ שפּאָט און שאַנדע: אַזוי האָב איך אויסגעפֿונען. פֿיעלעס האָט מען דאָ גערופֿען שלעכט און דאָרט בעפּוצט מיט אַ גאָלדענעם רעספּעקט.

איין שכן האָט דעם אַנדערן קיינמאָל ניט פֿערשטאַנען: שטענדיג איז זיין נשמה פֿערוואונדערט געוואָרען פֿון דעם שכן'ס משוגעת און שלעכטקייט.

אַ לוח מיט הייליגע געזעצע הייננט איבער יעדעם פֿאָלק. ס'איז דער לוח, אויף וועלכען עס שטעהן אָנגעשריעבען זיינע איינענע בעזיעגונגען און ענטזאַגונגען; דאָס איז די שטימע פֿון זיין ווילען צו דער מאַכט.

גוט איז פֿאַר איהם אַלעס, וואָס איז שווער צו דערגרייכען;

דאָס אומפאַרמיידליכע, דאָס שווערע איז גוט, דאָס, וואָס בעפרייט נאָך פון דער גרעסטער נויט, דאָס זעלטענע, דאָס שווערסטע — אָט דאָס רופט עס הייליג.

דאָס, וואָס עס גיט איהם די מעגליכקייט צו הערשען, זיעגען און גלאַנצען, כדי אַרויסצורופען ביי זיין שכן שרעק און קנאה — אָט דאָס גילט פאַר איהם אַלס דאָס הויכע, דאָס ערשטע, די מאָס, אַלס דער זין פון אַלעס, וואָס עקזיסטירט.

באמת, מיין ברודער, ווען דו געפינסט ערשט אויס אַ פאָלק'ס נויט, און לאַנד, און הימעל, און שכן, דאַן דערגעהסט דו אויך דאָס געזעץ פון זיינע ענטזאַגונגען און בעזיעגונגען, און פאַר וואָס עס קלעטערט אָט אויף דיזעם לייטער אַרויף צו זיינע האָפנונגען.

„שטענדיג זאָלסט דו זיין דער ערשטער און אַריבערשטייגען דעם אַנדערן: דיין נשמה, וועלכע איז פול מיט קנאה, זאָל קיינעם ניט ליעבען, סיידען דעם פריינד" — דיזע ווערטער האָבען געמאַכט ציטערן די נשמה פון אַ גריעך און מיט זיי איז ער געגאַנגען אויף'ן וועג פון דער גרויסקייט.

„ריידען דעם אמת און פערשטעהן ווי צו נוצען פייל און בויגען" — אָט דאָס איז געווען דאָס טהייערסטע און שווערסטע פאַר יענעם פאָלק, פון וועלכעם צאַראַטהוסטראַ'ס נאָמען שטאַמט אָב, מיין נאָמען, וועלכער איז פאַר מיר אַליין אויך טהייער און שווער.

„אָבגעבען כבוד צו פאָטער און מוטער און זיי פאָלגען ביז אין די קלענסטע וואָרצלען פון דער נשמה" — אָט דיזען לוח האָט אַן אַנדער פאָלק אויפגעהאַנגען איבער זיך און האָט דערמיט זיין נאָמען געמאַכט גרויס און אונשטערבליך.

„געטריי זיין און צוליעב דער טרייקייט איינשטעלען עהרע און לעבען אפילו פאַר שלעכטע און געפעהרליכע זאַכען": אַזוי לערנענדיג זיך, האָט זיך אַן אַנדער פאָלק גובר געווען, און דורך דעם איז עס געוואָרען שוואַנגער און שווער מיט גרויסע האָפנונגען.

באמת, די מענשען האָבען זיך אַליין געגעבען דאָס גאַנצע גוטס און שלעכטס זייערס. באמת, זיי האָבען עס פון ערגעץ ניט גענומען, זיי האָבען עס ניט געפונען און עס איז זיי ניט אַרונטערגעפאַלען אַלס אַ שטימע פון הימעל.

דער מענש האָט ערשט געגעבען אַלע זאַכען אַ ווערטה, כדי אויפצוהאַלטען זיין עקזיסטענץ — דער מענש האָט ערשט בעשאַפען אַ זין פאַר אַלע זאַכען, אַ מענשליכען זין! אַט דערפאַר רופט ער זיך „מענש", דאָס הייסט: דער שאַצענדער.

שאַצען איז שאַפען: געדרינקט עס, איהר שאַפענדע! שאַצען גופא איז דער שאַץ פון אַלע געשאַצטע זאַכען.

דורך'ן שאַצען ענטשטעהט ערשט אַ ווערטה, און ווען עס וואָלט ניט געווען קיין אָבשאַצונג, וואָלט די נוס פון'ם לעבען געווען פוסט. געדרינקט עס, איהר שאַפענדע!

דער איבערבייט פון'ם ווערטה — דאָס איז דער איבערבייט פון'ם שאַפענדען. יעדער בעשאַפער מוז זיין אַ פערניכטער.

צוערשט זיינען געווען די פעלקער די שאַפענדע און שפעטער די איינצעלנע: באמת, דער איינצעלנער גופא איז נאָך די יונגסטע שעפּפונג.

אַמאָל האָבען פעלקער אויפגעהאַנגען איבער זיך אַ לוח, אויף וועלכען עס איז אָנגעשריבען געווען זייער גוטס. די ליעבע צו הערשען און די ליעבע צו געהאָרכען האָבען זיךביידע צוזאַמען בעשאַפען אַזעלכע לוחות.

די ליעבע צו דער סטאַדע איז עלטער, איידער די ליעבע צום איך: און אַזוי ווי דאָס גוטע געוויסען רופט זיך סטאַדע, זאָגט נאָר דאָס שלעכטע געוויסען: איך!

באמת, דאָס כיטרע איך, דאָס איך אָהן ליעבע, וועלכעס זעהט זיין אייגענעם נוצען אין'ם נוצען פון פיעלע, דאָס איז ניט געווען דער אָנהויב פון דער סטאַדע, נאָר איהר אונטערגאַנג.

ליעבענדע זיינען דאָס שטענדיגע געווען, ליעבענדע און שאַפענדע, וועלכע האָבען בעשאַפען גוטס און שלעכטס. פייער פון ליעבע און פייער פון צאָרן גליהט אין די נעמען פון אַלע טוגענדען.

פיעל לענדער האָט צאַראַטהוסטראַ געזעהן און פיעל פעלקער: צאַראַטהוסטראַ האָט קיין גרעסערע מאַכט אויף דער ערד ניט געפונען ווי די ווערק פון די ליעבענדע: „גוטס" און „שלעכטס" זיינען זייערע נעמען.

באמת, אַ שד איז אַט דיזע מאַכט פון לויבען און טאַדלען.

זאָגט מיר, מיינע ברידער, ווער וועט איהם בעזיעגען, אַט דיזען שד? זאָגט מיר, ווער וועט אַרויפפליגען דיזעם טייוועל די שטריק אויף זיינע טויזענד פלייצעס?

טויזענד ציילען האָבען ביז אַהער עקזיסטירט, דערפאַר וואָס עס האָבען עקזיסטירט טויזענד פֿעלקער. נאָר די שטריק פאַר די טויזענד פלייצעס האָבען ביז איצט נאָך געפֿעהלט, עס האָט גע-פֿעהלט דאָס איינציגע ציעל. נאָך האָט די מענשהייט קיין ציעל נים.

אָבער זאָגט מיר נאָר, מיינע ברידער, ווען דער מענשהייט פֿעהלט נאָך דאָס ציעל, פֿעהלט דאַן נים אפשר די מענשהייט אַליין נאָך אויך? —

אַזוי האָט געזאָגט צאַראַטהוסטרא. —

מכח דער ליעבע צום נעכסטען.

איהר מאַכט זיך צו צום אַנדערן און איהר האָט אויסגעקלעהרט דערפאַר שעהנע ווערטער. אָבער איך זאָג אייך, אַז אייער ליעבע צום אַנדערן איז אייער שלעכטע ליעבע צו זיך אַליין.

איהר אַנטלויפט צום אַנדערן, דערפאַר וואָס איהר ווילט אַנט-לויפען פון זיך אַליין, און איהר ווילט דערפון מאַכען אַ טוגענד: אָבער איך פערשטעה אייך גוט, איהר „אַלטרואיסטען!"

דאָס דו איז עלטער פון'ם איך, דאָס דו איז געוואָרען אַ היי-ליגע זאַך, אָבער נאָך ניט דאָס איך: און אָט דערפאַר מאַכט זיך דער מענש צו צום אַנדערן.

ראַטה איך אייך אפשר צו ליעבען דעם אַנדערן, דעם נעכס-טען? איך וואָלט אייך בעסער געראַטהען צו אַנטלויפען פון איהם און צו ליעבען דעם וויטסטען!

העכער פון דער ליעבע צום נעכסטען שטעהט די ליעבע צום וויטסטען, צו דעם, וואָס עס וועט קומען. העכער פון דער ליעבע צום מענשען שטעהט פאַר מיר די ליעבע צו זאַכען און שדים.

אָט דיזער שד, וועלכער לויפט פאַר דיר, מיין ברודער, איז שעהנער פון דיר; פאַר וואָס זאָלסט דו איהם ניט אָוועקגעבען דיין פלייש און דיינע ביינער? אָבער דו האָסט מורא פאַר איהם און אַנטלויפסט צו דיין נעכסטען.

איהר קענט פון זיך אַליין ניט אויסהאַלטען און ליעבט זיך ניט

נענוג: אַט דערפאַר ווילט איהר דעם אַנדערן מיט אייער ליעבע פערפיהרען און ווילט זיך פערגילדען מיט זיינע טעות'ן.

הלואי וואָלט איהר ניט געקענט אויסהאַלטען מיט אַלערליי אַנדערע און זייערע שכנים; דאַן וואָלט איהר געצוואונגען געווען צו שאַפען פון זיך אַליין אייער פריינד און דאָס פולע הארץ פון אַ פריינד.

איהר רופט שטענדיג אַן עדות, ווען איהר ווילט רעדען גוט פון זיך אַליין; און ווען איהר האָט איהם פערפיהרט פון אייך גוט צו דיינקען, דיינקט איהר אַליין אויך גוט פון אייך.

ניט בלויז דער איז אַ ליגנער, וועלכער רעדט אַנדערש ווי ער ווייסט, אפילו דער, וועלכער רעדט אַנדערש ווי ער ווייסט ניט. אַט אַזוי רעדט איהר בלויז פון אייך, פערברייננענדיג מיט אַנדערע, און נאַרט אָב דעם שכן.

אָט אַזוי רעדט דער נאַר: „די געזעלשאַפט פון מענשען פער-דאַרבט דעם כאַראַקטער, איבערהויפט, ווען מען האָט קיינעם."

איינער געהט צום נעכסטען, ווייל ער זוכט זיך אַליין, דער אַנדערער געהט צו איהם, ווייל ער וויל זיך פערלירען. אייער שלעכטע ליעבע צו זיך אַליין מאַכט פון אייער איינזאַמקייט אַ תפיסה.

די וואָס זיינען אָם ווייטסטען פון אייך, מוזען שטענדיג בע-צאָהלען פאַר אייער ליעבע צום נעכסטען; און ווען איהר זייט זאַלבע פינפט, מוז שטענדיג אַ זעקסטער שטאַרבען.

כ'האָב אויך ניט ליעב אייערע ימים טובים: צופיעל אַקטיאָרען געפין איך ביי אייך, און אפילו די צושויער בענעהמען זיך פיעל מאָל ווי אַקטיאָרען.

ניט פון'ם נעכסטען דערצעהל איך אייך, נאָר פון'ם פריינד. דער פריינד זאָל ביי אייך זיין ווי דער יום טוב פון דער ערד, ווי דער שליח פון'ם איבערמענשען.

איך רעד צו אייך פון'ם פריינד און זיין איבערפילטעס הארץ. אָבער מען מוז פע-שטעהן צו זיין אַ שוואָם, אויב מען וויל געליעבט זיין פון איבערפילטע הערצער.

איך רעד צו אייך פון'ם פריינד, אין וועלכען די וועלט איז

שטענדיג פֿאַרטיג אַלס אַ שאָלאַכץ פֿון גוטסקייט — פֿון דעם שאַ־פֿענדען פֿריינד רעד איך צו אייך, וועלכער האָט שטענדיג אַוועק־צושיינקען אַ פֿאַרטיגע וועלט.

און אַזוי ווי די וועלט וויקעלט זיך פֿונאַנדער פֿאַר איהם, אַזוי פֿערוויקעלט זי זיך פֿאַר איהם ווייטער צוריק אַלס דער ענטשטעהען פֿון גוטס דורך שלעכטס, אַלס דער ענטשטעהען פֿון יעדעם צוועק דורך אַ צופֿאַל.

די צוקונפֿט און דאָס ווייטסטע זאָל פֿאַר דיר זיין די אורזאַכע פֿון דיין היינט. אין דיין פֿריינד זאָלסט דו ליעבען דעם איבערמענ־שען אַלס דיין אייגענע אורזאַכע.

מיינע ברידער, איך ראַטה אייך ניט צו ליעבען דעם נעכסטען, נאָר צו ליעבען דעם ווייטסטען, ראַטה איך אייך.

אַזוי האָט געזאָגט צאַרטהוסטראַ.

מכח דעם וועג פֿון׳ם שאפּענדען.

ווילסט דו, מיין ברודער, זיך בעהאַלטען אין דער איינזאַמקייט? ווילסט דו אויסגעפֿינען דעם וועג צו דיר אַליין? וואַרט נאָך אַביסעל און הער מיך אויס.

„ווער עס זוכט, קען אַליין פֿערפֿאַלען ווערן. יעדע איינזאַמקייט איז די פֿאָלגע פֿון אַ שלעכטען געוויסען:" אַזוי זאָגט די סטאַדע און דו אַליין האָסט בעלאַנגט אַ לאַנגע צייט צו דער סטאַדע.

די שטימע פֿון דער סטאַדע וועט נאָך אין דיר איצט אויך קלינגען. און ווען דו וועסט אפילו זאָגען: „מיין געוויסען איז ניט מעהר אַזוי ווי אייערס," וועט זיך אַרויסהערען פֿון דיינע ווערטער אַ טרויעריגקייט און אַ שמערץ.

אָט דיזער שמערץ, דיין שמערץ איז נאָך אַרויסגעוואַקסען פֿון דעם „איינציגען געוויסען," דעם געוויסען פֿון דער סטאַדע: און דער לעצטער שיין פֿון דיזען געוויסען פֿלאַקערט נאָך אויף אין דיין טרויעריגקייט.

און דו ווילסט געהן דעם וועג פֿון דיין טרויעריגקייט, דעם וועג צו דיר אַליין? דאַן בעווייז מיר דיין רעכט און דיין קראַפֿט צו געהן אָט דיזען וועג!

ביזט דו אַ נייע קראַפֿט און אַ נייעס רעכט? ביזט דו אַן ערשטע בעוועגונג? אַ ראַד, וועלכעס דרעהט זיך פֿון זיך אַליין? קענסט דו אויך צווינגען שטערען, זיי זאָלען זיך דרעהען אַרום דיר?

אַך, דער שטרעבען נאָך הויכקייט איז נאָך צופּיעל אויסגעמישט מיט תאוות! עס גיט נאָך צופּיעל קרעמפּפען פון די עהרגייציגע!

אַך, עס זיינען דאָ אַזוי פיעל גרויסע געדאַנקען, וועלכע טהוען ניט מעהר אויף ווי אַ בלאָז־זאַק: זיי בלאָזען אָן און מאַכען פוסטער.

פריי רופסט דו זיך? כ'וויל הערען דעם געדאַנק, וועלכער בעהערשט דיין גייסט, און עס קימערט מיך וויניג, פון וואָס פאַר אַ יאָך דו האָסט זיך בעפרייט.

ביזט דו אַזעלכער, וועלכער האָט זיך גאָר געדאַרפט בעפרייען פון זיין יאָך? עס זיינען דאָ אַזעלכע, וועלכע האָבען אַוועקגעוואָרפען זייער לעצטען שטיקעל ווערטה, אַוועקוואַרפענדיג זייער שקלאַפעריי...

פריי פון וואָס? וואָס אַרט עס צאַראַטהוסטראַ'ן! איך וויל דערקענען אין דיינע אויגען: פריי צו וואָס?

קענסט דו זיך אַליין שאַפען דיין גוטס און שלעכטס און אויפהייננען דיין ווילען איבער דיר, אַזוי ווי אַ געזעץ? קענסט דו אַליין זיין דיין אייגענער ריכטער און דער בעל נקמה פון דיין געזעץ?

מורא'דיג איז צו זיין אַליין מיט'ן ריכטער און בעל נקמה פון'ם אייגענעם געזעץ. עס איז דאָס זעלבע, ווי מען וואַרפט אַרויס אַ שטעקען אין דעם וויטען רוים, אין די אייז־קאַלטע אַטמאָספערע פון דער איינזאַמקייט.

היינט ליידעסט דו נאָך פון די פיעלע, דו, דער איינער: היינט איז דיין מוטה נאָך גאַנץ און דיינע האָפנונגען.

אָבער עס וועט קומען אַ צייט, ווען דו וועסט פערמאַרטערט ווערן פון דער איינזאַמקייט, ווען דיין שטאָלץ וועט זיך קרימען און דיין מוטה וועט קריצען מיט די ציינער. און דו וועסט אָנהויבען שרייען: „איך בין אַליין!“

עס וועט קומען אַ צייט, ווען דו וועסט מעהר ניט זעהן דיין הויכקייט און דיין נידעריגקייט וועט דיר צו נאָהנט זיין; פאַר דיין ערהאַבענהייט גופא וועסט דו מורא האָבען ווי פאַר אַ שד. און שרייען וועסטו: „אַלעס איז פאַלש!“

עס גיבען געפיהלען, וועלכע ווילען דעם איינזאַמען טויטען; און ווען עס געלינגט זיי ניט, מוזען זיי אַליין שטאַרבען! אָבער האָסט דו די קראַפט צו זיין אַ מערדער?

קענסט דו שוין דאָס וואָרט „פֿעראַכטונג", מיין ברודער? קענסט דו דעם שמערץ פֿון דיין גערעכטיגקייט, צו זיין גערעכט געגען אַזעלכע, וועלכע פֿעראַכטען דיך?

פֿיעלע זיינען געצוואונגען איבער דיר נאָך אַמאָל איבעצוּלערנען אַלצדינג; און דאָס וועלען זיי דיר קיינמאָל ניט פֿערגעסען. דו ביזט צוגעקומען נאָהנט צו זיי און דאָך פֿאַרבייגעגאַנגען: און דאָס וועלען זיי דיר קיינמאָל ניט מוחל זיין.

דו האָסט זיי אַריבער געשטיגען, אָבער וואָס העכער דו שטייגסט, אַלץ קלענער זעהט דיך דאָס אויג פֿון דער קנאה. אָם מייסטען פֿערהאַסט מען דעם, וואָס קען פֿליהען.

„ווי קענט איהר דאָס גערעכט זיין געגען מיר?" — זאָלסט דו זאָגען — „איך קלייב זיך אויס אייער אונגערעכטיגקייט אַלס דעם חלק, וועלכער קומט מיר."

אונגערעכטיגקייט און שמוץ וואַרפֿען זיי נאָך דעם איינזאַמען: אָבער פֿערגעס ניט, מיין ברודער, אויב דו ווילסט זיין אַ שטערן, דאַרפֿסט דו זיי דעריבער ניט ווייניגער לייכטען!

און היט זיך פֿאַר די גוטע און גערעכטע! זיי קרייציגען אַם ליעבסטען די, וועלכע געפֿינען זיך אויס זייער אייגענע טוגענד, — זיי פֿערהאַסען דעם איינזאַמען.

היט זיך אויך פֿאַר דער הייליגער נאַרישקייט! קיין זאַך איז ניט געננוג הייליג פֿאַר איהר, וועלכע איז ניט נאַריש; זי האָט זיך אויך ליעב צו שפּיעלען מיט'ן פֿייער — פֿון די שייטער־הויפֿענס.

און היט זיך אויך, אַז דיין ליעבע זאָל אויף דיר ניט אָנפֿאַלען! צו גיך שטרעקט אויס דער איינזאַמער די הענד צו דעם, וואָס בע־געגענט איהם.

מאַנכע מענשען דאַרפֿסט דו ניט געבען די האַנד, נאָר די לאַפּע: און איך וויל, אַז דיין לאַפּע זאָל האָבען שאַרפֿע נעגעל.

אָבער דער ערגסטער שונא, וועמען דו קענסט בעגעגענען, ביזט דו אַליין. דו אַליין לויערסט אויף זיך אין היילען און וועלדער.

איינזאַמער, דו געהסט דעם וועג צו דיר אַליין! און ביי דיר גופא געהט פֿאַרביי דער וועג און פֿאַרביי דיינע זיעבען טייוואַלים! אַן אפּיקורוס וועסט דו זיין פֿאַר דיר אַליין, און אַ מכשפה,

און אַ נביא, און אַ נאַר, און אַ צווייפלער, און אַ רשע, און אַ פערברעכער.

דו מוזט זיך וועלען פערברענען אין דיינע אייגענע פלאַמען: ווי אַזוי קענסט דו ווערען ניי, איידער עס איז פון דיר אַש געוואָרען?

איינזאַמער, דו געהסט דעם וועג פון'ם שאַפענדען: אַ גאָט ווילסט דו זיך בעשאַפען פון דיינע זיעבען טייוואָלים!

איינזאַמער, דו געהסט דעם וועג פון'ם ליעבענדען: זיך אַליין ליעבסט דו און דערפאַר פעראַכטעסט דו זיך, אַזוי ווי נאַר ליעבענדע קענען פעראַכטען.

שאַפען וויל דער ליעבענדער, ווייל ער פעראַכטעט! וואָס ווייסט דער יעניגער פון דער ליעבע, וועלכער האָט ניט געמוזט גראַדע דאָס פעראַכטען, וואָס ער ליעבט?

מיט דיין ליעבע געה אין דיין איינזאַמקייט, מיין ברודער און מיט דיינע שאַפענדע קרעפטען; ערשט שפעטער וועט די גערעכטיגקייט דיר נאָכהינקען.

מיט מיינע טרערען געה איך אין דער איינזאַמקייט, מיין ברודער. כ'האָב ליעב דעם, וועלכער וויל שאַפען אַריבער זיך אַליין און געהט אָט אַזוי צו גרונד. —

אַזוי האָט גערעדט צאַראַטהוסטראַ.

מכח אלטע און יונגע ווייבלאך.

„פאר וואס געהסט דו אזוי שטיל און אליין אין דער פינסטער, צאראטהוסטרא? און וואס בעהאלסט דו דאס אזוי פארזיכטיג אונטער דיין מאנטעל?

„איז עס א שאץ, וואס מען האט דיר געשיינקט? אדער איז עס א קינד, וואס איז ביי דיר געבארען געווארען? אדער געהסט דו איצט אליין אויף די וועגען פון די גנבים, דו פריינד פון די שלעכטע?" —

באמת, מיין ברודער, ס'איז טאקע א שאץ, וועלכען מען האט מיר געשיינקט: א קליינע וואהרהייט איז עס, וואס איך טראג.

אבער זי צאפעלט זיך אזוי ווי א ניי געבארען קינד; און וחען איך האלט איהר ניט צו דאס מויל, שרייט זי משוגה'דיג.

ווען איך בין היינט געגאנגען אליין, אין דער צייט, ווען די זונן איז אונטערגעגאנגען, האט מיך בעגעגענט אן אלט ווייבעל און האט צו מיין נשמה אזוי גערעדט:

„פיעל האט צאראטהוסטרא גערעדט אויך צו אונז פרויען, אבער קיינמאל האט ער צו אונז ניט גערעדט מכח דער פרוי."

און איך האב איהר געענטפערט: „מכח דער פרוי זאל מען נור רעדען צו מענער."

„רעד אויך צו מיר עפעס מכח דער פרוי", האט זי געזאגט, „כ'בין גענוג אלט, כדי איך זאל עס באלד ווידער פערגעסען."

און איך האָב דעם אַלטען ווייבעל צוליעב געטהאָן און צו איהר אַזוי געזאָגט:

אַלעס אין דער פֿרוי איז אַ רעטעניש, און אַלעס אין דער פֿרוי האָט איין ערקלעהרונג: די שוואַנגערשאַפֿט.

פֿאַר דער פֿרוי איז דער מאַן ניט מעהר ווי אַ מיטעל: דער צוועק איז שטענדיג דאָס קינד. אָבער וואָס איז די פֿרוי פֿאַר'ן מאַן?

צוויי זאַכען וויל דער אמת'ער מאַן: געפֿאַהר און שפּיעל. אָט דערפֿאַר נעהמט ער די פֿרוי אַלס דאָס געפֿעהרליכסטע שפּיעלצייג.

דער מאַן זאָל ערצויגען ווערען פֿאַר'ן קריעג, און די פֿרוי פֿאַר דער ערהאָלונג פֿון'ם קריעגער: אַלעס אַנדערע איז נאַרישקייט.

קיין צו זיסע פֿרוכט ליעבט ניט דער קריעגער. דערפֿאַר ליעבט ער די פֿרוי; ביטער איז אפילו די זיסטע פֿרוי.

די פֿרוי פֿערשטעהט די קינדער בעסער ווי דער מאַן, אָבער דער מאַן איז קינדישער פֿון דער פֿרוי.

אין'ם אמת'ן מאַן איז בעהאַלטען אַ קינד, וואָס וויל זיך שפּיעלען. נו, איהר פֿרויען, געפֿינט מיר נאָר אויס דאָס קינד, וואָס איז בעהאַלטען אין'ם מאַן!

אַ שפּיעלכעל זאָל זיין די פֿרוי, ריין און פֿיין, אַזוי ווי אַ דיאַ-מאַנט, בעשטראַהלט פֿון די טוגענדען פֿון אַ וועלט, וועלכע איז נאָך ניט געבאָרען געוואָרען.

דער שטראַהל פֿון אַ שטערען זאָל גלאַנצען אין אייער ליעבע! אייער גאַנצע האָפֿנונג זאָל זיין: צו בעשאַפֿען דעם איבערמענשען!

אין אייער ליעבע זאָל זיין דרייסטקייט. מיט אייער ליעבע זאָלט איהר זיך אַרויפֿוואַרפֿען אויף דעם, פֿאַר וועמען איהר שרעקט זיך.

אייער ליעבע זאָל זיין אייער עהרע! זעהר ווייניג פֿערשטעהט די פֿרוי געוועהנליך פֿון עהרע. אָבער דאָס גופא זאָל זיין אייער עהרע, שטענדיג מעהר צו ליעבען, ווי מען ליעבט אייך; און קיינ-מאָל זאָלט איהר ניט זיין די צווייטע!

דער מאַן זאָל מורא האָבען פֿאַר דער פֿרוי, ווען זי ליעבט: ווען די פֿרוי ליעבט, איז זי פֿאַרטיג אַלעס צו אָפּפֿערן, און קיין זאַך האָט ניט קיין ווערטה פֿאַר איהר, אויסער דער ליעבע.

דער מאַן זאָל מורא האָבען פֿאַר דער פֿרוי, ווען זי האַסט:

דען דער מאַן איז אין גרונד פֿון זיין נשמה נאָר בייז, אָבער די פֿרוי איז דאָרט שלעכט.

װעמען פֿערהאַסט די פֿרוי אַם מייסטען? — אַזוי האָט דאָס אייזען געריעדט צום מאַגנעט: „איך פֿערהאַס דיך אַם מייסטען, ווייל דו ציהסט צו, אָבער דו ביזט ניט גענוג שטאַרק צו זיך צו ציהען.”

דאָס גליק פֿון׳ם מאַן הייסט: איך וויל. דאָס גליק פֿון דער פֿרוי הייסט: ער וויל.

„אָט איצט איז די וועלט געוואָרען פֿאָלקאָמען!” — אַזוי דיינקט יעדע פֿרוי, ווען זי געהאָרכט מיט איהר גאַנצער ליעבע.

און געהאָרכען מוז די פֿרוי און געפֿינען אַ טיעפֿעניש פֿאַר איהר פֿלאַכקייט. פֿלאַך איז דאָס געמיטה פֿון דער פֿרוי, אַ בעוועג-ליכע, שטורמעדיגע הויט איבער אַ פֿלאַכען וואַסער.

אָבער דעם מאַן׳ס געמיטה איז טיעף, זיין שטראָם רוישט אין אונטעראירדישע היילען: די פֿרוי פֿיהלט זיין קראַפֿט, נאָר זי בע-גרייפֿט איהר ניט. —

דאָ האָט מיר דאָס אַלטע ווייבעל געענטפֿערט: „פֿיעלע שעהנע זאַכען האָט צאַראַטהוסטראַ דערצעהלט, איבערהויפּט פֿאַר די, וואָס זיינען נאָך גענוג יונג דערפֿאַר.

„ס׳איז אַ מערקווירדיגע זאַך: צאַראַטהוסטראַ איז ווייניג בע-קאַנט מיט די פֿרויען, און דאָך איז אַלצדינג ריכטיג, וואָס ער האָט געזאָגט וועגען זיי. איז עס אפשר דערפֿאַר, ווייל ביי דער פֿרוי איז קיין זאַך ניט אונמעגליך?

„איצט נעהם אָן פֿאַר מיין דאַנק אַ קליינע וואַהרהייט. כ׳בין שוין גענוג אַלט דערפֿאַר.

„וויקעל איהר איין און האַלט איהר צו דאָס מויל, אז ניט, שרייט זי משונה׳דיג, די קליינע וואַהרהייט.”

„גיב שוין אַהער, פֿרוי, דיין קליינע וואַהרהייט,” האָב איך צו איהר געזאָגט. און דאָס אַלטע ווייבעל האָט צו מיר אַזוי געזאָגט:

„דו געהסט צו פֿרויען? פֿערגעס ניט מיטצונעהמען די בייטש!” — אַזוי האָט גערעדט צאַראַטהוסטראַ.

מכח דעם ביס פון דער שלאַנג.

איינמאָל איז צאַראַטהוסטראַ אַנטשלאָפֿען געוואָרען אונטער אַ פֿייגען־בוים; ער האָט מיט די הענד פֿערשטעלט דעם פנים, דען עס איז געווען זעהר הייס. פלוצלונג איז צוגעקראָכען אַ שלאַנג און האָט איהם אַזאַ ביס געטהאָן אין האַלז, אַז ער האָט אויסגעשריען פֿאַר וויטאָג. ווען ער האָט אַראָבגענומען די האַנד פֿון פנים, האָט ער אָנגעקוקט די שלאַנג. און זי האָט פלוצלונג דערקענט צאַראַטהוסטראַ'ס אויגען, האָט זיך פֿערשעהמט און געוואָלט אויף גיך אַוועקריכען. „וואַרט נאָך", האָט צאַראַטהוסטראַ געזאָגט, „דו האָסט נאָך ניט אָנגענומען מיין דאַנק! דו האָסט מיך אויפֿגעוועקט אין דער ריכטיגער צייט, דען איך האָב נאָך אַ לאַנגען וועג." — „דיין וועג איז שוין קורץ," האָט די שלאַנג טרויעריג געענטפֿערט; „מיין גיפֿט איז טויטליך." צאַראַטהוסטראַ האָט אַ שמייכעל געטהאָן. „האָסט דו שוין ווען עס איז געהערט, אַז אַ דראַכע זאָל שטאַרבען פֿון דעם גיפֿט פֿון אַ שלאַנג?" האָט ער געזאָגט. „אָבער נעהם שוין צוריק דיין גיפֿט; דו ביזט ניט גענוג רייך דאָס מיר אַוועקצושיינקען". און די שלאַנג איז איהם נאָך אַמאָל געפֿאַלען אויף'ן האַלז און האָט איהם אָבגעלעקט זיין וואונד.

ווען צאַראַטהוסטראַ האָט דאָס אַמאָל דערצעהלט זיינע תלמידים, האָבען זיי איהם געפֿרעגט: „און וואָס, צאַראַטהוסטראַ, איז די מאָראַל פֿון דיין געשיכטע?" און צאַראַטהוסטראַ האָט זיי געענטפֿערט:

„דער פערניכטער פון מאָראַל, אַזוי רופען מיך די גוטע און גע־רעכטע: מיין געשיכטע איז אַן אונמאָראַלישע.

אויב איהר האָט אַ שונא, זאָלט איהר איהם ניט בעצאָהלען גוטס פאַר שלעכטס, ווייל דאָס וועט איהם פערשעהמען. צייגט איהם בעסער, אַז ער האָט אייך גוטס געטהאָן.

בעסער זאָלט איהר צאָרנדיג זיין, איידער יענעם צו פערשעהמען. און ווען מען שעלט אייך, ליעב איך ניט, אַז איהר זאָלט יענעם דערפאַר בענטשען. ליעבערשט זאָלט איהר אַביסעל מיטשילטען.

און ווען מען האָט אייך אַ גרויסע עולה געטהאָן, זאָלט איהר אויף גיך אָבטהון פינף קליינע! שרעקליך איז אָנצוקוקען דער, וועלכער דערטראָגט אַליין אַן אונגערעכטיגקייט.

האָט איהר דאָס שוין געוואוסט? אַ צוטהיילטעס אונרעכט איז אַ האַלבעס רעכט. און דער זאָל אויף זיך נעהמען דאָס אונרעכט, וועלכער קען עס דערטראָגען!

אַ קליינע נקמה איז מענשליכער איידער גאָר קיין נקמה ניט. און אויב די שטראָף איז ניט אין דערזעלבער צייט אַן עהרע און אַ רעכט פאַר'ן פערברעכער, דאַן וויל איך אייערע שטראָפען אין גאַנצען ניט.

ס'איז עדעלער צו זאָגען, אַז מען האָט אונרעכט, איידער צו בלייבען גערעכט, איבערהויפט ווען מען איז גערעכט. נאָר מען דאַרף זיין גענוג רייך דערצו.

איך ליעב ניט אייער קאַלטע גערעכטיגקייט, און פון די אויגען פון אייערע ריכטער קוקט שטענדיג אַרויס דער היינקער און זיין קאַלטעס אייזען.

זאָגט מיר נאָר, וואו קען איך געפינען די גערעכטיגקייט, וועלכע איז אַ ליעבע מיט זעהעדיגע אויגען?

געפינט מיר דאָך אויס די ליעבע, וועלכע נעהמט ניט בלויז אויף זיך אַלע שטראָפען, זאָנדערן אויך אַלע זינד?

געפינט מיר דאָך אויס די גערעכטיגקייט, וועלכע ערקלעהרט יעדען פריי, אויסער דעם ריכטער!

ווילט איהר דאָס נאָך אויך הערען? דער, וואָס עס וויל אויף ריכטיג גערעכט זיין, מאַכט אפילו פון דעם ליגען אַ מענשען־פריינדליכע זאַך.

אָבער ווי אַזוי זאָל איך גערעכט זיין אויף ריכטיג ? ווי קען איך געבען יעדען דאָס זייניגע ? אַט דאָס וועט זיין גענוג פֿאַר מיר צו געבען יעדען דאָס מייניגע.

און היט זיך, מיינע ברידער, צו טהון עולות צו די איינזאַמע : ווי קען דאָס אַן איינזאַמער פֿערגעסען ! ווי קען ער דאָס פֿערגעלטען ?

אַזוי ווי אַ טיעפֿער ברונען איז אַן איינזאַמער. ס'איז ניט שווער אַריינצוואוואַרפֿען אַ שטיין ; אָבער ווען ער זינקט אַרונטער ביז אויף'ן גרונד, זאָגט מיר, ווער קען איהם ווידער אַרויסנעהמען פֿון דאָרטען ?

היט זיך צו בעליידיגען דעם איינזאַמען. אָבער ווען איהר האָט איהם שוין יאָ בעליידיגט, דאַן דער'הרג'עט איהם שוין אין גאַנצען!

אַזוי האָט געזאָגט צאַראַטהוסטראַ.

מכה דעם קינד און דער הייראטה.

איך האָב אַ פֿראַגע פֿאַר דיר אַליין, מיין ברודער: אַזוי ווי אַ שווער שטיק בליי לאָז איך דיזע פֿראַגע אַראָב אין דיין נשמה, כדי איך זאָל וויסען, ווי טיעף זי איז.

דו ביזט יונג און ווינשסט זיך צו זיין פֿערהייראַט און האָבען קינדער. אָבער איך פֿרעג דיך: ביזט דו אַזעלכער, וואָס דאַרף זיך נאָר ווינשען צו האָבען אַ קינד?

ביזט דו אַ זיעגער, אַ זעלבסט-בעהערשער, ביזט דו דער קעניג פֿון דיינע חושים און דער האַרר פֿון דיינע טוגענדען? אַט דאָס פֿרעג איך דיך.

אָדער רעדט בלויז אַרויס פֿון דיין וואונש די חיה און די ליי-דענשאַפֿט? אָדער די איינזאַמקייט? אָדער די אונצופֿריעדענהייט מיט דיר אַליין?

איך וויל, אַז דיין זיעג און דיין פֿרייהייט זאָלען בייִנקען אַ קינד צו האָבען. לעבעדיגע מאָנומענטען זאָלסט דו אויפֿבויען פֿאַר דיין זיעג און פֿאַר דיין בעפֿרייאונג.

דו זאָלסט אַריבערבויען איבער זיך אַליין. אָבער צוערשט דאַרפֿסט דו אַליין זיין גוט געבויט, פֿאָלקאָמען אין'ם גוף און אין דער נשמה.

ניט בלויז פֿונאַנדערוואַקסען זאָלסט דו זיך, נאָר אַרויפֿוואַקסען אין דער הויך זאָלסט דו זיך! אַט דערצו זאָל דיר העלפֿען דער גאָרטען פֿון דער הייראַט!

אַ העכערען גוף זאָלסט דו שאַפֿען, אַן ערשטע בעוועגונג, אַ ראָד, וועלכעס דרעהט זיך פֿון זיך אַליין, — אַ שאַפֿענדען זאָלסט דו שאַפֿען.

הייראַט: אַזוי רוף איך דעם ווילען פֿון צוויי צו שאַפֿען דאָס איינע, וועלכעס שטעהט העכער פֿון זיינע בעשעפֿער. הייראַט: אַט אַזוי רוף איך דעם גענענזייטיגען רעספּעקט פֿון צוויי מענשען, וואָס האָבען אַזאַ ווילען.

אָט דאָס זאָל זיין דער זין און די וואַהרהייט פֿון דיין הייראַט! אָבער דאָס, וואָס די פֿיעל־צו־פֿיעלע רופֿען אַן הייראַט, די איבערגע, — אַך, ווי זאָל איך דאָס נאָר אָנרופֿען?

אַך, דיזע אָרעמקייט פֿון דער נשמה זאַלבע צווייט! אַך, דיזער שמוץ פֿון דער נשמה זאַלבע צווייט! אַך, דיזע קליינליכע צופֿריע־דענהייט זאַלבע צווייט!

הייראַט, רופֿען זיי דאָס אַלעס; און זיי בעהויפּטען זאָגאַר, אַז זייערע זיווגים זיינען אויסגערופֿען געוואָרען אין הימעל.

אָבער איך ליעב איהם ניט, אָט דיזען הימעל פֿון די איבעריגע! איך ליעב זיי ניט, אָט דיזע חיות, וועלכע זיינען פֿערפֿלאָכטען אין אַ הימלישען נעץ!

איך וויל אויך ניט וויסען פֿון זייער גאָט, וועלכער הינקט צו צו בענטשען די, וועלכע ער האָט ניט צוזאַמענגעפּאָרט!

לאַכט מיר ניט פֿון אַזעלכע הייראַטהען! וואָס פֿאַר אַ קינד האָט דאָס ניט קיין אורזאַכע איבער זיינע עלטערן צו וויינען?

ווירדיג האָט זיך מיר אויסגעוויזען אָט דיזער מאַן און רייף פֿאַר'ן זין פֿון דער ערד; נאָר ווען איך האָב דערזעהען זיין ווייב, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז די ערד איז אַ הויז פֿאַר משוגעים.

יאָ, איך וואָלט געוואונשען, אַז עס זאָל אויסברעכען אַן ערד־ציטערניש, ווען אַ הייליגער און אַ גאַנז פּאָרען זיך צוזאַמען.

דיזער איז געגאַנגען ווי אַ העלד צו זוכען וואַהרהייטען, און צום סוף האָט ער זיך אויסגעקליבען אַ קליינעם אויסגעפּוצטען ליגען. זיין הייראַט רופֿט ער עס.

יענער איז געווען זעהר צוריקגעהאַלטען און האָט געקליבען און איבערגעקליבען זיין געזעלשאַפֿט. אָבער מיט איין מאָל האָט

ער זיין געזעלשאַפֿט פֿערדאָרבען אויף אַלע צייטען. זיין הייראַט רופֿט ער עס.

אַן אַנדערער האָט געזוכט אַ שקלאַפֿין מיט די טוגענדען פֿון אַ מלאך. אָבער מיט אַמאָל איז ער אַליין געוואָרען דער שקלאַף פֿון אַ ווייב, און עס וואָלט נייטיג געווען, ער זאָל דעריבער נאָך ווערן אַ מלאך.

פֿאָרזיכטיג געפֿין איך איצט אַלע קויפֿערס, און אַלע האָבען ביטרע אויגען. אָבער זיין ווייב קויפֿט אפילו דער ביטרעסטער אין אַ זאַק.

פֿיעל קורצע נאַרישקייטען — אָט דאָס רופֿט איהר ליעבע. און אייער הייראַט איז אַ לאַנגע נאַרישקייט, וואָס מאַכט אַ סוף צו פֿיעל קורצע נאַרישקייטען.

אייער ליעבע צו דער פֿרוי, און דער פֿרוי'ס ליעבע צום מאַן! אַך, וואָלט עס כאָטש געווען אַ מיטלייד אויף ליידענדע און איינגע-הילטע געטער! אָבער מייסטענטהיילס דערקענען זיך בלויז צוויי חיות.

אָבער אפילו אייער בעסטע ליעבע איז ניט מעהר ווי אַן ענט-ציקענדער משל און אַ שמערצליכע גלוטה. אַ פֿאַקעל איז זי, וועלכע זאָל אייך צולייכטען צו העכערע וועגען.

ס'וועט קומען אַ צייט, ווען אייער ליעבע וועט אַריבערשטייגען איבער אייך. דעפֿאַר לערנט זיך צוערשט אוים ווי אַזוי צו ליעבען! דערפֿאַר האָט איהר געמוזט אויסטרינקען דעם ביטערן בעכער פֿון דער ליעבע.

ביטערקייט איז אויך אין'ם בעכער פֿון דער בעסטער ליעבע: און דעריבער שאַפֿט זי די בײנקעניש צום איבערמענשען, דעריבער מאַכט זי דורשטיג דיך, דעם שאַפֿענדען!

דורשט פֿאַר'ן שאַפֿענדען, פֿייל און בײנקעניש צום איבערמענ-שען! זאָג מיר, מיין ברודער, איז עס דאָס, וואָס דו זוכסט אין דער הייראַט?

הייליג רוף איך אַזאַ ווילען און אַזאַ הייראַט. —
אַזוי האָט גערעדט צאַראַטהוסטראַ.

מכה דעם פרייען טויט.

פיעל שטאַרבען צו שפּעט, און עטליכע שטאַרבען צו פריה. נאָך קלינגט זי פרעמד, די לעהרע: „שטאַרב אין דער ריכטיגער צייט!"

שטאַרב אין דער ריכטיגער צייט: אַזוי לערנט צאַראַטהוסטראַ.

פערשטעהט זיך, ווער עס האָט קיינמאָל ניט געלעבט אין דער ריכטיגער צייט, ווי אַזוי זאָל ער שטאַרבען אין דער ריכטיגער צייט?

הלואי וואָלט ער גאָר קיינמאָל ניט געבאָרען געוואָרען! — אָט אַזוי ראַטה איך די איבעריגע.

אָבער די איבעריגע מאַכען נאָך אויך אַ ווענען מיט זייער שטאַרבען, אפילו ווי פּוסט אַ נוס זאָל ניט זיין, דאַרף מען איהר אויך צוקנאַקען.

אַ ווענען מאַכען אַלע פון'ם שטאַרבען: אָבער נאָך איז דער טויט קיין יום טוב ניט. ביז איצט האָבען זיך די מענשען נאָך ניט אויסגעלערנט, ווי אַזוי צו היילינען די שעהנסטע ימים טובים.

דעם טויט אַלס אויספיהרער צייג איך אייך, וועלכער איז פאַר די לעבעדיגע אַ שטאַכעל און אַ נדר.

דער יעניגער, וועלכער האָט אויסגעפיהרט אַ גרויסע זאַך, שטאַרבט אַלס אַ זיעגער, אַרומגערינגעלט פון די האָפנונגען און נדרים פון די לעבעדיגע.

אָט אַזוי וואָלט מען זיך בעדאַרפט אויסלערנען שטאַרבען; און עס זאָל ניט זיין קיין יום טוב, וואו אַזאַ גוסס וועט ניט פער-היילינען די שבועות פון די לעבעדיגע!

אזוי צו שטאַרבען איז דאָס בעסטע; און דאָס צווייטע איז צו שטאַרבען אין קאַמפף און אויסצובריינגען אַ גרויסע נשמה.

אָבער פערהאַסט פאַר דעם קעמפפער און פאַר דעם זיעגער איז אייער טויט מיט די אויסגעטשירעטע ציינער, אייער טויט, וועלכער קומט אויף די שפּיץ פינגער, אַזוי ווי אַ גנב און דאָך אַלס הערשער.

אָט מיין טויט, לויב איך אייך, דעם פרייען טויט, וועלכער קומט, ווייל איך וויל.

און ווען וועל איך וועלען? — ווער עס האָט אַ ציעל און אַ יורש, דער וויל דעם טויט אין דער ריכטיגער צייט, צוליעב דעם ציעל און צוליעב דעם יורש.

און ווייל ער האָט רעספּעקט פאַר דעם ציעל און דעם יורש, וועט ער מעהר ניט אויפהייגען קיין פערוועלקטע קרענץ אין'ם הייליגטהום פון'ם לעבען.

באמת, איך וויל ניט זיין אַזוי ווי די שטריק-דרעהער: זיי ציהען אויס זייער פאָדים אין דער לענג און זיי אַליין געהען דערביי שטענדיג ריקווערטס.

מאַנכער ווערט אפילו צו אַלט פאַר זיינע אמאליגע וואַהרהייטען און זיעגען; אַ מויל אָהן ציינער האָט מעהר קיין רעכט ניט אַרויסצורעדען יעדע וואַהרהייט.

יעדערער, ווער עס וויל בעריהמט בלייבען, דאַרף זיך בעצייטענס געזעגענען מיט דער עהרע און זיך אויסלערנען די שווערע קונסט צו — געהן, ווען עס איז צייט פאַר איהם.

מען מוז אויפהערען זיך צו לאָזען עסען פון די אַנדערע, דאַן ווען זיי דערפיהלען אין אייך דעם בעסטען טעם: דאָס ווייסען די, וועלכע ווילען לאַנג געליעבט ווערן.

עס גיט אפילו זויערע עפּעל, וואָס בלייבען הייגען ביז דעם לעצטען טאָג פון הערבסט: און מיט איין מאָל ווערען זיי רייף, געל און צוקנייטשט.

ביי אַנדערע ווערט פריהער דאָס האַרץ געעלטערט און ביי אַנדערע דער גייסט. עטליכע זיינען אַלט אין זייער יוגענד. אָבער ווער עס ווערט שפּעט יונג, דער האַלט זיך לאַנג יונג.

מאַנכען איז דאָס לעבען ניט געראָטען: אַ גיפטיגער וואָרים

זויגט איהם ביים האַרצען. זאָל ער זיך אַרומזעהן, אַז דער טויט זאָל איהם בעסער געראָטען.

מאַנכער ווערט קיינמאָל ניט זיס, ער הויבט שוין אָן אין זו־מער צו פֿוילען. די פֿייגהייט איז עס, וועלכע לאָזט איהם ניט אַראָבפֿאַלען פֿון זיין צווייג.

פֿיעל צו פֿיעלע לעבען און צו לאַנג היינגען זיי אויף זייערע צווייגען. הלואי זאָל קומען אַ שטורם, וועלכער זאָל אַראָבטרייסלען פֿון בוים די אַלע פֿוילע און ווערימיגע!

הלואי זאָלען קומען פרײדיגער פֿון אַ גיכען טויט! אָט דאָס וואָלטען פֿאַר מיר געווען די ריכטיגע שטורמס און טרייסלער פֿון די לעבענס־בוימער! אָבער איך הער נאָר, ווי מען פריידיגט דעם לאַנגזאַמען טויט און די געדולד מיט אַלע „אירדישע זאַכען".

אַך, איהר פריידיגט די געדולד מיט די אירדישע ערשיינונ־גען? די ערד און דאָס לעבען פֿון דער ערד האָבען צו פֿיעל גע־דולד מיט אייך, איהר פֿערלוימדער!

באמת, צו פֿריה איז ער געשטאָרבען, יענער העברעער, וועמען די פריידיגער פֿון'ם לאַנגזאַמען טויט פֿערעהרען אַזוי פֿיעל. און פֿון דאַמאָלסט אָן איז עס פֿאַר פֿיעלע געווען אַן אונגליק, וואָס ער איז צו פֿריה געשטאָרבען.

ער האָט נאָך פֿון קיין אַנדער זאַך ניט געוואוסט נאָר פֿון די טרערען און זיפֿצען פֿון זיין פֿאָלק און דעם האַס פֿון די גוטע און גערעכטע, — דער העברעער יעזוס, ווען עס איז איהם שוין אָנ־געפֿאַלען די בייגקעניש צום טויט.

וואָלט ער דאָך בעסער געבליבען אין דער מדבר, וויית אַוועק פֿון די גוטע און גערעכטע! אפשר וואָלט ער זיך אויסגעלערנט ווי אַזוי צו לעבען, אפשר וואָלט ער ליעב געקראָגען די ערד — און אויך דאָס לאַכען.

גלויבט מיר, מיינע ברידער! ער איז צו פֿריה געשטאָרבען; ער וואָלט זיך זיכער געווען אָבגעזאָגט פֿון זיין לעהרע, ווען ער וואָלט אַזוי אַלט געוואָרען ווי איך! ער איז געווען גענוג עדעל זיך אָבצוזאָגען!

אָבער אונרייף איז ער נאָך געווען. אונרייף איז די ליעבע פֿון

אַ יונגלינג און אונרייף איז אויך זיין האַס געגען דעם מענשען און דער ערד. צוגעבונדען און שווער איז נאָך זיין געמיטה און די פֿלי־געל פֿון זיין גייסט.

אָבער אין׳ם מאַן איז פֿאַרהאַן מעהר קינד, איידער אין׳ם יונג־לינג, און וויינינגער מעלאַנכאָליע. בעסער פֿערשטעהט ער דעם טויט און דאָס לעבען.

פֿריי צום טויט און פֿריי אין׳ם טויט, אַ הייליגער ניין־זאָגער, ווען עס איז מעהר ניטאָ קיין צייט צו זאָגען יאָ: אַט אַזוי פֿערשטעהט ער בעסער דעם טויט און דאָס לעבען.

זאָל אייער שטאַרבען ניט זיין קיין פֿערלוימדונג פֿאַר׳ן מענשען און פֿאַר דער ערד, מיינע פֿריינד: אַט דאָס בעט איך ביי אייך פֿון דעם האָניג פֿון אייערע נשמות.

אפילו אין אייער שטאַרבען זאָל נאָך גליהן אייער גייסט און אייער טוגענד, אַזוי ווי דאָס אָבענד־רויט אַרום דער ערד; אַז ניט, איז אויך דאָס שטאַרבען שלעכט געראָטען.

דערפֿאַר וויל איך אַליין שטאַרבען, כדי איהר, מיינע פֿריינד, זאָלט די ערד מעהר ליעבען צוליעב מיר; איך וויל צוריק ערד ווערן און זיך אויסרוהען ביי דער גרויסער מוטער, וועלכע האָט מיך געבאָרען.

באמת, אַ ציעל האָט צאַראַטהוסטראַ געהאַט, ער האָט געוואָר־פֿען זיין קוגעל: איצט זייט איהר, מיינע פֿריינד, די יורשים פֿון מיין ציעל, און אייך וואַרף איך צו מיין גאָלדענע קוגעל!

בעסער פֿון אַלעס, זעה איך אייך, מיינע פֿריינד, וואַרפֿענדיג די גאָלדענע קוגעל! און אָט דערפֿאַר בלייב איך נאָך אַביסעל אויף דער ערד: האָט אויף מיר קיין פֿאַריבעל ניט!

אַזוי האָט גערעדט צאַרטהוסטראַ.

מכח דער שײנקענדער טוגענד.

1.

װען צאַראַטהוסטראַ האָט זיך געזעגענט מיט דער שטאָדט, װעלכע ער האָט געליעבט מיט זײן גאַנצען הארצען און װעלכע מען רופט „די קאָלירטע קוה", האָבען איהם בעגלײט פיעל, װאָס פלעגען זיך רופען זײנע תלמידים. און װען זײ זײנען אָנגעקומען בײ אַ קרײץ־װעג, האָט צאַראַטהוסטראַ ערקלעהרט, אַז איצט װיל ער אַלײן געהן; דען ער איז געװען אַ פרײנד פון געהן אַלײן. זײנע תלמידים האָבען זיך געזעגענט מיט איהם און אַלס אַן אָנדײנקען האָבען זײ איהם געגעבען אַ שטעקען מיט אַ גאָלדען הענטעל, װעל־כעס האָט פאַרגעשטעלט אַ שלאַנג, װאָס רינגעלט זיך אַרום דער זונן. צאַראַטהוסטראַ האָט זיך זעהר דערפרעהט מיט'ן שטעקען און האָט זיך אָנגעשפאַרט אויף איהם; און דאַן האָט ער צו זײנע תלמידים אַזוי געזאָגט:

זאָגט מיר נאָר, װי אַזוי האָט גאָלד בעקומען דעם גרעסטען װערטה? דערפאַר װאָס עס איז זעהר זעלטען, עס איז אומניצליך פאַר'ן טעגליכען געברויך און לײכט מיט אַ מילדען גלאַנץ; עס שײנקט זיך שטענדיג אַלײן אַװעק.

נור אַלס אַן אָבשפיגלונג פון דער העכסטער טוגענד האָט גאָלד בעקומען דעם גרעסטען װערטה. אַזוי װי גאָלד לײכט דער בליק דעם שײנקענדען. דעם גאָלד'ס גלאַנץ מאַכט שלום צװישען דער זונן און דער לבנה.

זעהר זעלטען איז די העכסטע טוגענד און אונניצליך, לייכטען לייכט זי מיט אַ מילדען גלאַנץ: אַ שיינקענדע טוגענד איז די העכסטע טוגענד.

באמת, איך געפין אייך אויס, מיינע תלמידים: איהר ביינקט, אַזוי ווי איך, נאָך דער שיינקענדער טוגענד. וואָס פאַר אַ שייכות האָט איהר מיט קעץ און וועלף?

אָט דאָס איז אייער דורשט, צו אָפּפערן זיך און זיך אַוועקצו־שיינקען: דערפאַר פערלאַנגט איהר אָנצוקלויבען אַלע אוצרות אין אייער נשמה.

קיינמאָל ניט זאַט וועריענדיג, פערלאַנגט אייער נשמה נאָך אוצרות און עדעל־שטיינער, ווייל אייער טוגענד קען זיך קיינמאָל ניט אָנ־זעטיגען מיט דעם פערלאַנג זיך אַוועקצושיינקען.

איהר ציהט אַלצדינג צו זיך און אין זיך, כדי אַלצדינג זאָל זיך צוריק אַרויסגיסען פון אייער קוואַל אַלס די מתנות פון אייער ליעבע.

באמת, אַ רויבערין פון אַלע גייסטיגע אוצרות איז אַזאַ שיינ־קענדע ליעבע; אָבער געזונד און הייליג רוף איך אַזאַ מין עגאָאיזם.

עס גיט נאָך אַן אַנדער עגאָאיזם, אַ בעטלערישער, אַן אָרעמער, אַ הונגעריגער עגאָאיזם, וועלכער וויל שטענדיג גנב'ענען: ס'איז דער עגאָאיזם פון די קראַנקע, דער קראַנקער עגאָאיזם.

מיט די אויגען פון אַ גנב קוקט ער אויף אַלעם גלאַנציגע, מיט דער גיריגקייט פון אַ הונגעריגען צעהלט ער דעם ביסען פון דעם יעניגען, וואָס האָט גענוג צו עסען; און שטענדיג רייבט ער זיך אַרום דעם טיש פון די, וואָס צוטהיילען.

קראַנקהייט רעדט אַרויס פון אַזאַ גיריגקייט און אַ בעהאַלטענע דעגענעראַציאָן. פון'ם קראַנקען גוף רעדט אַרויס דער גנב'ישער פערלאַנג פון אָט דיזען עגאָאיזם.

זאָגט מיר נאָר, מיינע ברידער, וואָס האַלטען מיר פאַר דאָס שלעכטע און דאָס ערגסטע? איז עס ניט די דעגענעראַציאָן? — און דעגענעראַציאָן געפינען מיר שטענדיג אויס דאָרט, וואו עס פעהלט אַ שיינקענדע נשמה.

באַרג־אַרויף געהט אונזער וועג, פון אָט דעם מין אַריבער צו

אַ העכערען מין אָבער מורא׳דיג קוקט אונז אויס דער קראַנקער פערלאַנג, וועלכער זאָגט: „אַלצדינג איז פאַר מיר.“

באַרג־אַרויף פליהט אונזער פערלאַנג: אַזוי איז ער אַן אָבבילד פון אונזער גוף, אַ העכערעס אָבבילד. אַזעלכע העכערע אָבבילדער זיינען די נעמען פון אונזערע טוגענדען.

אַזוי געהט דער גוף דורך דער געשיכטע אַלס אַ קומענדער און אַ קעמפפער. און דער גייסט — וואָס איז ער פאַר איהם? דער שליח פון זיינע קעמפפע און זיעגען, זיין חבר, זיין אָבקלאַנג.

משלים זיינען אַלע נעמען פון גוטס און שלעכטס. זיי ריידען קיין וואָרט ניט, זיי ווינקען בלויז. אַ נאַר איז דער, וועלכער וויל עפעס דערגעהן פון זיי!

הערט זיך צו צו יעדער שטונדע, מיינע ברידער, ווען אייער גייסט וויל זאָגען משלים. אָט דאָ איז דער אָנפאַנג פון אייער טוגענד.

ערהויבען איז דאַן אייער גוף און אויפגעשטאַנען תחית המתים; און מיט זיין גליק ענטציקט ער דעם גייסט, דאָס ער ווערט אַ שעפּפער און אַ שעצער און אַ ליעבענדער און אַ בעל רחמים אויף אַלצדינג, וואָס עקזיסטירט.

ווען אייער האַרץ איז פול און ברייט, אַזוי ווי אַ שטראָם, אַ גליק און אַ געפאַהר פאַר די, וואָס וואוינען דערביי: אָט דאָ איז דער אָנפאַנג פון אייער טוגענד.

ווען איהר שטעהט העכער פון לויב און טאַדעל, ווען אייער ווילען וויל הערשען איבער אַלעס וואָס עקזיסטירט אַלס דער ווילען פון אַ ליעבענדען: אָט דאָ איז דער אָנפאַנג פון אייער טוגענד.

ווען איהר פעראַכטעט דאָס אַנגענעהמע און דאָס ווייכע בעט, ווען איהר זוכט זיך אויסצוּבעטען וואָס ווייטער פון דער ווייכקייט: אָט דאָ איז דער אָנפאַנג פון אייער טוגענד.

ווען איהר האָט אַ ווילען, און ווען די ווענדונג פון יעדער נויט רופט זיך ביי אייך נויטווענדיגקייט: אָט דאָ איז דער אָנפאַנג פון אייער טוגענד.

באמת, אַ ניי גוטס און שלעכטס איז זי, אָט דיזע טוגענד! באמת, אַ נייער און טיעפער גערויש איז זי און די שטימע פון אַ נייעם קוואַל!

מאַכט איז זי, דיזע נייע טוגענד; אַ הערשענדער געדאַנק איז זי, אַרומגערינגעלט פֿון אַ קלוגער נשמה: אַ גאָלדענע נשמה איז זי, אַרום וועלכע עס רינגעלט זיך אַרום די שלאַנג פֿון דער ערקענטניס.

2.

דאָ איז צאַראַטהוסטראַ אַנשוויגען געוואָרען אַ ווײַלע און האָט געקוקט מיט ליעבע אויף זיינע תלמידים. דאַן האָט ער ווייטער אָנגעהויבען רעדען — און זיין שטימע האָט זיך איבערגעביטען.

בלייבט מיר געטריי דער ערד, מיינע ברידער, מיט דער מאַכט פֿון אייער טוגענד! אייער שיינקענדע ליעבע און אייער ערקענטניס זאָל דיענען דעם פֿערלאַנג פֿון דער ערד! אַט דאָס בעט איך אייך, אַט דאָס בעשוועהר איך אייך!

לאָזט איהר ניט אַוועקפֿליהען פֿון דער ערד און זיך אָבקלאַפּען די פֿליגעל איהרע אָן אייביגע ווענד! אַך, עס זיינען שטענדיג געווען אַזוי פֿיעל פֿערפֿלויגענע טוגענדען!

פֿיהרט איהר צוריק צו דער ערד, די פֿערפֿלויגענע טוגענד, אַזוי ווי איך — יאָ, צוריק צום גוף און צום לעבען: כדי זי זאָל גע-בען דער ערד אַ זין, אַ מענשליכען זין!

הונדערטפֿאַך איז ביז אַהער פֿערפֿלויגען און פֿערשוואונדען דער גייסט און אויך די טוגענד. אַך, אין אונזער גוף וואוינען נאָך איצט דיזע אַלע אילוזיעס און טעות'ן: גוף און ווילען זיינען זיי דאָ געוואָרען.

הונדערטפֿאַך האָט זיך ביז אַהער דער גייסט אַליין פֿערפֿיהרט און פֿערבלאָנדזשעט און אויך די טוגענד. יאָ, אַ פֿערזוך איז ער געווען, דער מענש. אַך, פֿיעל אונוויסענהייט און פֿיעלע טעות'ן האָבען זיך אין אונז פֿערקערפּערט!

ניט בלויז די פֿערנונפֿט פֿון יאָהר־טויזענדע — אויך איהר וואַהנזין שיט זיך אויס אויף אונזער קערפּער. ס'איז אַ געפֿעהרליכע זאַך צו זיין אַ יורש.

נאָך ראַנגלען מיר זיך טריט ביי טריט מיט דעם ריעז צופֿאַל, און די גאַנצע מענשהייט איז ביז איצט בעהערשט געוואָרען פֿון'ם אונזין.

אייער גייסט און אייער טוגענד זאָל דיענען דעם פערלאַנג פון דער ערד, מיינע ברידער, און אַלצדינג זאָל דורך אייך בעקומען אַ נייעם ווערטה! אַט דערפאַר זאָלט איהר זיין קעמפפער! דערפאַר זאָלט איהר זיין שאַפענדע!

דורך וויסען רייניגט זיך דער גוף; דורך וויסען ערהויבט ער זיך. פאַר דעם וויסענדען זיינען אַלע אינסטינקטען הייליג; דעם ערהויבענעם ווערט די נשמה פריילּיך.

דאָקטאָר העלף זיך אַליין: אַזוי העלפסט דו אויך דיין קראַנקען. אַט דאָס זאָל זיין דיין בעסטע הילף, אַז ער זאָל זעהן דעם מיט זיינע אויגען, וועלכער היילט זיך אַליין.

טויזענד וועגען זיינען נאָך פאַרהאַן, אויף וועלכע מען איז נאָך קיינמאָל ניט געגאַנגען, און טויזענד געזונדהייטען און בעהאַלטענע אינזלען פון׳ם לעבען.

אונענדעקט און נאָך ניט אויסגעשעפט איז נאָך אַלץ דער מענש און דעם מענש׳ס ערד.

וואַכט און הערט זיך איין, איהר איינזאַמע! פון דער צוקונפט וועהען ווינדען מיט בעהאַלטענע פליגעל; און פאַר פיינע אויערען איז דאָ אַ גוטע שליחות.

איהר איינזאַמע פון היינט, איהר, וואָס טהיילט זיך אָב פון די איבעריגע, ס׳וועט קומען אַ צייט, ווען איהר וועט זיין אַ פאָלק: פון אייך, וועלכע האָבען זיך אַליין אויסגעוועהלט, וועט אַרויסוואַקסען אַן אויסערוועהלטעס פאָלק —: און פון אַט דעם פאָלק דער איבערמענש.

באמת, אַן אָרט פון גענעזונג זאָל נאָך ווערען די ערד! און שוין הערט זיך אַ נייער ריח פון איהר, אַ ריח, וועלכער ברייננגט גליק — און אַ נייע האָפנונג!

3.

ווען צאַראַטהוסטראַ האָט געענדיגט דיזע ווערטער, איז ער אַנשוויגען געוואָרען ווי איינער, וואָס האָט נאָך ניט אַרויס גערעדט זיין לעצטעס וואָרט; אַ לאַנגע צייט האָט ער געוואויגען צווייפ-

לענדיג דעם שטעקען אין זיין האַנד. ענדליך האָט ער אַזוי גע־זאָגט: — און זיין שטימע האָט זיך איבערגעביטען.

אַליין וועל איך איצט געהן, מיינע תלמידים! איצט געהט איהר אויך אַליין! אַזוי וויל איך.

באמת, איך ראַטה אייך: אַנטלויפט פון מיר און פערטהיי־דיגט זיך געגען צאַראַטהוסטראַ! נאָך בעסער: שעמט זיך מיט איהם! אפשר האָט ער אייך גאָר אָבגענאַרט.

דער בעוואוסטער מענש דאַרף ניט נאָר וויסען ווי אַזוי צו ליע־בען זיינע שונאים, ער דאַרף אויך וויסען ווי צו האַסען זיינע פריינד.

ס'איז אַ שלעכטע בעלוינונג פאַר'ן רבי'ן, ווען מען בלייבט שטענדיג אַ תלמיד. און פאַר וואָס ווילט איהר ניט פון מיין לאָר־בער־קראַנץ עפעס אַרונטעררייסען?

איהר פערעהרט מיך; אָבער וואָס וועט זיין, ווען אייער פער־עהרונג וועט מיט איין מאָל אומפאַלען? היט זיך, איהר זאָלט ניט דער'הרג'ט ווערן פון אַ מאָנומענט!

איהר זאָגט, אַז איהר גלויבט אין צאַראַטהוסטראַ? אָבער וואָס פאַר אַ ווערטה האָט צאַראַטהוסטראַ! איהר זייט מיינע גלויביגע: אָבער וואָס פאַר אַ ווערטה האָבען אַלע גלויביגע!

איהר האָט זיך אַליין נאָך ניט געזוכט: מיט איינמאָל האָט איהר מיר געפונען. אָט אַזוי טהוען אַלע גלויביגע; דערפאַר האָט דער גלויבען אַזאַ קנאַפּען ווערטה.

איצט היים איך אייך מיך פערלירען און זיך אַליין געפינען; און ערשט ווען איהר וועט זיך אַלע אָבקעהרען פון מיר, וועל איך צו אייך צוריק קומען.

באמת, מיט אַנדערע אויגען, מיינע ברידער, וועל איך מיר דאַן אויפזוכען מיינע פערלאָרענע; מיט אַן אַנדער ליעבע וועל איך אייך דאַן ליעבען.

און מיט דער צייט זאָלט איהר נאָך ווערן מיינע פריינד און די קינדער פון דערזעלבער האָפנונג. דאַן וועל איך זיין מיט אייך צום דריטען מאָל און פייערן מיט אייך דעם גרויסען טאָג.

און דאָס וועט זיין דער גרויסער טאָג, ווען דער מענש וועט שטעהן אין מיטען זיין וועג צווישען דער חיה און דעם איבערמענשען

ווען ער וועט זעהן אין׳ם וועג צום אָבענד זיין העכסטע האָפנונג:
וייל עס איז דער וועג צו אַ נייעם מאָרגען.

אָט דאַן וועט זיך דער אונטערגעהענדער אַליין בענשען, דער־פאַר וואָס ער איז איינער פון די, וואָס געהען אַריבער; און די זונן פון זיין ערקענטניס וועט איהם שטעהען אין מיטען הימעל.

„טויט זיינען אַלע געטער: איצט ווילען מיר, אַז עס זאָל לעבען דער איבערמענש.״ אָט דאָס זאָל זיין אין׳ם גרויסען טאָג אונזער לעצטער ווילען! —

אַזוי האָט גערעדט צאַראַטהוסטראַ.

(ענדע פון׳ם ערשטען טהייל.)